טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאן 201.

אבאנאמענטס-פרייז:
א נומער 20 גראשען.
פרייז פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

אנאנסען-פרייז:
דער מעקסט 40 גראשען, נאכ׳ן מעקסט 25 גראשען
אין מעקסט 80 גראשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האלט 8 אנאנסען שפאלטען.
פאר׳ן אינהאלט פון די אנאנסען איז די רעד. נישט פעראנטווארטליך.

Piątek dnia 30 stycznia 1931 — ליכט-צינדען 4 05 — פרייטאג פ׳ בשלח י״ב שבט תרצ״א

„קרן היסוד" קאמיטעט אין טשענסטאכאוו

מארגען שבת פ׳ בשלח

בשעת קריאת התורה וועט אין דער שטאדט-שוהל

רעדען דער בעריהמטער „מזרחי" פיהרער, טאלאנטפולער רעדנער

הרה״ג ר׳ יהודה ליב פישמאן

פון ירושלים וועגען

די איצטיגע לאגע אין א״י און די אויפגאבען פון יודישען פאלק.

יעדער יוד, וועמען דער אויפבוי פון א״י איז נאהענט צום הארצען דארף זיין אנוועזענד.

זונטאג דעם 1 פעברואר 5 א זייגער אווענד

קומט פאר אין דער נייער שוהל א גרויסע

קרן-היסוד-פייערונג

מיט רעדעס וועגען דעם אויפבוי-ווערק אין א״י וועלען ארויסטרעטען:

הרב ר׳ יהודה ליב פישמאן
א. מ. הארטגלאס
רעד. יעקב גארזשאלקא.

טשענסטאכאווער יודען קומט און הערט אמת׳ע און אויפריכטיגע ווערטער וועגען דער לאגע אין ארץ-ישראל, וועגען דעם לאנד פון אונזער עבר און עתיד.

נוטא סטאפניצקא — משענסטעכאוו
איזאק פישמאן — ראדעמסק

פערלאבט

אין יאנואר 1931.

נעם צו אונזער הערציגע ברכות שתעסטערן-טעכטער **גוטא סטאפניצקא** צו דיין פערלאבונג מיט ה׳ **איזאק פישמאן** אויס ראדאמסק, זאל אייער לעבענס-וועג זיין א גליקליכער און צופרידענער.

מאיר שענקארסקי און פרוי, מיכאל צימערמאן און פרוי.

Z intencji zaręczyn panny GUTY STOPNICKIEJ
z p. IZYDOREM FISZMANEM życzy wiele szczęścia
JULEK BARON

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזערע פריינד ה׳ **אהרן סטאפניצקי** און פרוי צו דער פערלאבונג פון זייער טאכטער **גוטא** מיט ה׳ **יצחק פישמאן**.

ל. יאקובאוויטש און פרוי.

Z intencji zaręczyn p. GUTY STOPNICKIEJ z p.
IZAAKIEM FISZMANEM, życzą wiele szczęścia
Natek i Moniek Kurland.

Z okazji zaślubin panny HANKI GUTERMANÓWNY
z p. JAKÓBEM KAUFMANEM życzą wiele szczęścia
HIPSZEROWIE

„צעירי אגודת ישראל" בפוילין, סניף משענסטחוב.

ב״ה. **זונטאג פ׳ יתרו** חמשה-עשר בשבט (נדה ע״ג) **30-5 אווענד**

קומט פאר אין דער **שטאדט-שוהל** א גראנדיעזע

סיום-הש״ס פייערונג

פון אלוועלטליכען דף-היומי

מיט׳ן אנטייל פון היגען ראבינאט און שטאדט חזן ה׳ **באדאש** אויך א ספעציעלען **צעירים - כאר**. מיט א הדרן וועלען ארויסטרעטען הרה״ג ר׳ **נחום אש** אבדפ״ק שליט״א, הרה״ג ר׳ **וואלוויש** שליט״א **בארנשטיין** דומו״ץ דפה. סיום רעפערירען מענינא דיומא וועלען ארויסטרעטען: הרה״ג ר׳ נטע שליט״א ראבינאוויץ פון בריסק-דקוי. און ה׳ פראם פון וואלבראם.

די עזרת נשים — פאר פרויען. די הכנסה איז בעשטימט פאר „ישיבת חכמי לובלין.

בילעטען צום פרייז פון 50 גר. ביז 1 זל. צו בעקומען אין דרוק. פון ה׳ בעטשאן, פייערמאן אלמער מארק 31, צימערמאן ווארשאווער 21.

חבר **שמואל**! פעדאייניגטע אין גרויסען צער מיט דיר צוליעב׳ן טויט פון דיין

פאטער

דריקען מיר דיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל

יוסף רובינשטיין, פישל גראנעק, הירשל ראזען, לייב לעדערמאן.

היינט 8 זייטען

צוזאמען מיט דער ביילאגע פון „קרן היסוד".

Sala Lisówna Heniek Kurland
ZARĘCZENI
Częstochowa, w styczniu 1931.

צו דער פערלאבונג פון אונזער ליבען קאלעגע און פריינד **העניעק קורלאנד** מיט פרייליין **סארא ליס** ווינשען מיר זיי א הערצליכען מזל-טוב

אברהם בלאכארוש, ישעיהו וויסקאפף,

מרדכי עפשטיין.

Z intencji zaręczyn panny ANDZI SZTAM z panem ABRAMEM PATENTREGEREM z Łodzi życzymy aby gwiazda szczęścia była nieodstępną towarzyszką Ich życia.
RUDNICKI z NARZECZONĄ.

Wiele szczęścia i różowej przyszłości p. ANDZI SZTAM z okazji zaręczyn z p. ABRAMEM PATENTREGEREM
zasyłają
JAKÓBOWIE RUDNICCY z Córeczką

א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט אונזער ליעבען זון **אברהם** צו זיין פערלאבונג מיט פרל. **אנדזיא שטאם** ווינשען

פאטער און נעשוויסטער פאטענטרעגער.

צו דער פערלאבונג פון ה׳ **אברהם פאטענטרעגער** מיט פרל. **אנדזיא שטאם** ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט

פאמיליע רודניצקי.

צו דער פערלאבונג פון אונזער פריינד ה׳ **יעקב חאדא** מיט פרל. **נושא גליק** ווינשען א גליקליכע צוקונפט און אייביגע צופרידענהייט.

לייבוש פוקס און פרוי

א ענטפער דעם ה׳ יחזקאל בראניאטאווסקי.

אויף זיין התראה אין פאריגען נומער פון „טש. צייטונג" ערקלערען מיר:

1) עס איז נישט אמת, אז ער האט גערופען לד״ת די ברידער אפענהיים און זיי האבען זיך נישט געוואלט שטעלען, ער האט גערופען בלויז דוד אפענהיים און ער האט זיך געשטעלט צום ד״ת, אזוי ווי עס בעווייזט פאלגענדע בעשטעטיגונג פון ראבינאט: „מיר בעשטעטיגען אז ר׳ דוד אפענהיים איז געשטאנען עטליכע מאל צו ד״ת פאר׳ן היגען בי״ד מיט ר׳ יחזקאל בראניאטאווסקי און די זאך איז נישט ערלעדיגט געווארען נישט צוליעב דער שולד פון ה׳ אפענהיים.

ד׳ בשלח תרצ״א משענסטאחוב". (סטעמפעל און אונטערשריפט פון ראבינאט.

2) דער אמת איז, אז אונז קומט ביי איהם א חוב און מיר פאדערען איהם אויף אין משך פון 8 טעג דעם חוב צו בעצאהלען אין געגענפאל וועלען מיר (נישט ער) ציהען די געהעריגע קאנסעקווענצען.

נעבר. אפענהיים.

אונזער חשוב׳ן מיטארבייטער ה׳ **שמואל פראנק** און פאמיליע צו דער גרויסער אבידה פון זייער פאטער

ר׳ יצחק מאיר ז״ל

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
„טשענסטאכאווער צייטונג".

אונזער מיטארבייטער, דעם ה׳ **שמואל פראנק** צוליעב׳ן טויט פון זיין פאטער

יצחק מאיר נ״ע

דריקען מיר אויס אונזער אויפריכטיגען מיטגעפיהל.

זעצער-און דרוקער-פערסאנאל
פון „טשענסטאכאווער צייטונג".

כעז לטעווסקע

קעז האלענדער, רויטער, בעסטער סארט, אויך קעז ליטעווסקע ספעציעל כשר מיט׳ן הכשר פון ראבינאט, עמפפעהלט די ערשטע קעז-פאבריק, וועלכע עקזיסטירט זייט 1895 יאהר

A. ZABŁOCKI, Baranowicze
Skrzynka poczt. № 5.

אויף לאגער א גרויסער אויסוואהל פון געפריקענטע שוואמען און רייניגע ביהנען-האניג.

הנחה-קופאן

פאר די לעזער פון „טשענסטאכאווער צייטונג" אין באד-אנשטאלט פון נעבר. קרעמסקי

PRACOWNIA KAPELUSZY
M. GOTLIBÓWNY
poleca najnowsze fasony z własnych i powierzonych materjałów
PO CENACH PRZYSTĘPNYCH
Panny Marji № 19
(vis a vis bramy, w podwórzu).

אונזער מיטגליעד ה׳ **שמואל פראנק** צוליעב׳ן טויט פון זיין פאטער

יצחק מאיר נ״ע

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

די פערוואלטונג
פון יוד. טורן און ספארט-פעראיין
אין טשענסטאכאוו.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס מיין פריינד **משה פראנק** און פאמיליע צום גרויסען פערלוסט פון זייער אומפערגעסליכען מאן און פאטער

ר׳ יצחק מאיר ז״ל

זייט געטרייסט.

רבקה בעסטערמאן

אונזערע שכנים, די **פאמיליע פראנק** צו דעם פערלוסט פון זייער מאן און פאטער

יצחק מאיר ז״ל

דריקען מיר אויס אונזער מיטגעפיהל.

יעקב ברוין און פרוי.

מיין חבר און פריינד **שמואל פראנק** צוליעב׳ן טויט פון זיין

פאטער נ״ע

דריק איך אויס מיין טיעפען מיטגעפיהל

משה קרעמסקי.

בזה הננו מביעים את רגשי השתתפותנו בצערו של חברנו **שמואל פרנק**, למות עליו אביו ר׳

יצחק מאיר ז״ל

בעבודתך הספרותית והצבורית הפוריה תנוחם.

א. ח. שיפר, אליעזר קופינסקי.

אונזער חבר **שמואל** צוליעב׳ן טויט פון זיין ליעבען

פאטער

דריקען מיר אויס אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

אבא ווינער און פרוי.

די אלע, וועלכע האבען אפגעגעבען דעם לעצטען כבוד און אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכען מאן און פאטער

יצחק מאיר פראנק ז״ל

וועלכע איז פארגעקומען מאנטאג, דעם 26-טען יאנואר 1931 (ה׳ שבט תרצ״א) בפרט די חברה - קדישא, וואס האט מיט יראת הכבוד דעם טייערען נפטר צוגעטיילט את הכבוד האחרון דריקען אויס זייער אינניגסטען דאנק

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

פרוי, זיהן, טעכטער, שנירען און איניקלעך.

קהלות-געזעץ.

אין דער יורישער פרעסע פון די לעצטע טעג איז געגעבן א ידיעה אז דאס מיניסטעריום גרײט צו א רײהע ספעציעלע אונטערבען צום געזעץ וועגען די יורישע קהלות, לויט וועלכע עס וועלען אין דעם רעווינגען געזעץ אריינגעטראָגען געוויסע זעהר וויכטיגע ענדערונגען.

מיר האבען שוין אויף דעם ארט אנגעוויזען אויף דעם פאקט וואס די אויפזיכטס-מאכט בעהאנדלענדיג געוויסע זעהר וויכטיגע קהלה-פראגען, וואס נאר אזעלכע וועלכע האבען דין היכסטע בעדײטונג ניט נאר פאר די קהלה-ראטען און פערוואלטונגען, נאר פאר דער גאנצער יורישער בעפעלקערונג אין פוילען, געפונט ניט פאר נויטיג זיך צו פערשטענדיגען מיט די פערטרעטער פון די קהלות, כדי וועגנען אויסצוהערען זייער מיינונג וועגען די געפלאנטע געזעצען אדער ענדערונגען.

עס איז דאכט זיך איבריג צו בעטאנען אז וועגען איינפיהרען א וועלכע ס'איז נײע ארדנונג אין די קהלות, וועגען זייער קאמפעטענץ און אויפגאבען, דארף וועגען די פלוכטען פון די רבנים ופרנסים, וועגען טהן ספק מאסגעבענד די קהלה פערטרעטער וועלכע פארנעמען זיך מיט דער ארבײט א רײהע יאהרען און האבען א געניטע פראקטיק אויף דעם ראזונגען געביעט.

די קהלות, אלס אפיציעלע ארגאנען פון דער יורישער געזעלשאפט, אלס די העכסטע אויטאריטעטע אינסטאנצען פון די יורישע געמיינדעס וועגען דאך פארט ניט עפיס קײן צדקה-חברות צו וועלכע מען קומט מיט פערטיגע פערבליבענע פערשריפטען און מען הײסט זיי זיך אונטערווארפען, ניט אויסהערענדיג פריהער זייער מיינונג אויב די נײע פערשריפטען וועלען זיי געבען די מעגליכקייט צו ארבייטען, און צו ערפילען זייערע פליכטען.

אויף דעם קאנגרעס געביעט האט די רעגירונג לעצטענס געשאפען האנדעלס-און אינדוסטריע-קאמערן, וועלכע טראגען כמעט א אפיציעלען כאראקטער און מיט וועלכע די רעגירונג רעכענט זיך אויף יעדען טריט. בײגע וועלכען ס'איז נײעם געזעץ, און זאגאר בײגע ענדערונגען אין די עקזיסטירענדע געזעצען, ווערט יעדע געפלאנטע ענדערונג פריהער פאר איהר פערעפענטליכען אריינגעטראגען אין די האנדעלס-קאמערן צו בעטראכטען, און אויסזאגען זייער מיינונג, און אויב די קאמערן אקצעפטירען זיי ניט ווערען זי ניט אננעוויסען.

אָנז, טויב פוילע יורישע קהלות-ארגאנען עקזיסטירען ניט קײן ספעציעלע געזעץ-טרעגער געזעטצונגס-ארגאנען, דארפען זייער ארט פערטרעטען די עקזיסטירענדע קהלות, — די ראטען מיט די פערוואלטונגען וועלכע זענען די געוועהלטע פערטרעטער פון דער יורישער בעפעלקערונג, און זייער לאנג-יעהריגע פראקטיק קען געהים ארײנטראגען קלארקייט אין אלע פראגען בנוגע די קהלות מיט וועלכע זיי זענען ארגאניש פערבינדען, ווענדונג די פאקטישע לײטער און אנפיהרער פון'ם גאנצען קהלה-לעבען צו אלע איינצעלהײטען.

מיר העלפען אז טויב דאס מיניסטעריום געפונט ניט פאר נויטיג זיך צו ווענדען צו די קהלות בנוגע די פערגעזעהענע ענדערונגען און זייערע געזעצען, דארפען די קהלות זיך ווענען דעם ווענדען צום מיניסטעריום און פערלאנגען זיי אויסצוהערען, און זייער מיינונג צו נעמען אין אכט.

די יורישע קהלות אין פוילען דארפען זיך ווענדען צום מיניסטעריום מיט א געהעריגען מאטעריאל, אין וועלכען זיי וועלען אויפקלערען אז עס הערט בעגאנגען א גרויסע עולה נעגען דעם פוילישען יורענטום אויב די נײע געזעצען וועלען ארויסגעגעבען ווערען, אהן א ברוהרונגער פערשטענדיגונג מיט די פאקטישע פערטרעטער פון פוילישען יורענטום, וועלכע עס זענען אין דער איצטיגער צײט נאר די קהלות, און עס אונטערליגט ניט קײן צווייפעל אז דאס מיניסטעריום וועט די דאזיגע גערעכטע פאדערונג בעריקזיכטיגען.

י. פ.

די קרן-היסוד-אקציע אין טשענסטאכאוו.

קומענדען זונטאג הויבט זיך אן אין אונזער שטאדט די קרן-היסוד אקציע, צוליעב וואס עס קומען אונז בעזוכען דער בעקאנטער מזרחי-פיהרער הרה"ג ר' יהודה ליב פישמאן פון ירושלים, געז. רעפ. ס. א. הארטגלאס, און דער שליח פון דער קה"י צענטראלע ה' יעקב גרושאלקע.

די חשוב'ע געסט וועלען בעקאנט מאכען דעם היגען יורישען עולם מיט דער איצטיגער לאגע אין ארץ-ישראל, מיט די אונגעהויערע וויכטיגע אויפגאבע וואס עס האט אין דער היינטיגער צײט אויסצופיהרען דאס יורישע פאלק אום די מעגליך מיטצוהעלפען צו דעם גרויסען און וויכטיגען אויפבוי-ווערק אין אונזער ארץ-אבות.

צוליעב דעם וועלען שבת און זונטאג פארקומען אײניגע עפענטליכע פערזאמלונגען אויף וועלכע די געעהרטע שלוחים פון קרן-היסוד וועלען ארויסטרעטען מיט אויספיהרליכע רעדעס.

דאס קרן-היסוד ביורא וועט זיך געפינען אין לאקאל פון מזרחי-קאנטאן און סוחרים פעראיין קאשציושקי 13 טעלעפ. 164, און וועט זײן מעפינע מעגליך פון 10 פריה ביז 1 מיטאג און פון 3 ביז 10 אוונט.

SZKOŁA TAŃCÓW

baletm. K. KOSTECKIEGO

w lokalu własnym ul. Wasyngtona

d. Jasna 49.

Wyucza Nowości Paryża i Londynu w kompletach i pojedyńczo.

Zapisy na kursy I, II, III codziecnie od 10 rano do 9 wiecz.

שבת, ד. 24 סמיטשען און יעדען אנדערן פראקטישע לעקציע פון 8 אוונט ספעציעל פאר דער יורישער געזעלשאפט.

[illegible]

מײן פרײנד **שמואל פראנק**

צוליעב'ן טויט פון זײן אונפערגעסליכען פאטער

יצחק מאיר נ"ע

דריק איך אויס מײן טיעפסטען מיטגעפיהל.

שמואל ניעמיראווסקי.

אונזער פרײנד **שמואל פראנק**

צוליעב'ן פערלוסט פון זײן פאטער

יצחק מאיר נ"ע

דריקען אויס א הארציגען מיטגעפיהל

אלעזר פלאצקער און פרוי.

Naszemu Wielce Szanownemu Prezesowi Opieki Szkolnej

p. **Samuelowi Frankowi** z powodu zgonu

b. p. OJCA Jego

przesyłamy serdeczne wyrazy współczucia

Kierownictwo, Grono nauczycielskie, Opieka szkolna i Młodzież

Szkoły Powszechnej № 12.

אונזער פרײנד

שמואל פראנק

דריקען מיר אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל צוליעב'ן טויט פון זײן

פאטער נ"ע

סאמועל קאץ און פרוי.

מײן טיעפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס דעם ה'

שמואל פראנק

צוליעב'ן טויט פון זײן ליעבען

פאטער נ"ע

סם. פרזיסוסקער.

ח' שמואל!

מיט א ריס אין דער נשמה האב איך אויפגענומען די ידיעה וועגען טויט פון

דײן פאטער **איטשע מאיר**

כ'בעטעליג זיך אין דײן צער

מיט יראת-הכבוד בויג איך דעם קאפ פאר'ן פרישען קבר.

רפאל פעדערמאן.

א הארציגען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פרײנד

שמואל פראנק

צוליעב'ן טויט פון זײן ליעבען פאטער

יצחק מאיר נ"ע

לייביל אלטמאן און פרוי. **דוד וולאדאווסקי.**

זלמן גרינבוים. אברהם שצעקאץ.

---

27) דער פאלשער ברודער.

אינטערעסאנטע היסטארישע ערצעהלונג פון יורישען לעבען אין דײטשלאנד אין 16-טען יאהר-הונדערט, די צײט פון דרײסיג יעהריגען קריעג.

פרײ פון העברעאישען דורך: י. גלאזאהן

(פארזעצונג)

דער אלטער דיענער איז פארזונקען געווען אין צימער, און וועהרענדיג די בײדע פילוסופער-לײט זענען שטארק דערנערהוירט איז ער צורוק געבליבען, אבער יוסף האט באלד צו איהם געזאגט:

איך זעה אז דו האסט געוויינט, ליעבער מענש, וואס איז געשעהן? וואס דאס רײן העד דיך אזוי דערפיהרט ביז טרעהרען?

אזוי איז דאס מײנע הערען — האט דער אלטער מיט א ביטער געוויין געזאגט — מײן הער האט מיך געשלאגען, און ערקלערט אז מיך וועל מעהר ניט לעבען, אויב איהר וועט ניט פערלאזען דעם פאלאץ. האט רחמנות אויף א אלטען אומגליקליכען מאן, און זוכט אײך א אנדער ארט, וואורום דא וועט איהר בײ קײן פאל ניט קענען בלײבען.

אבער פארוואס וויל ער ניט, דער פערפלוכטער, אז מיר וועלען דא וואוינען — האט געפרעגט יוסף — די הערבע מאקס, דער גורערטרעכטענער, אט געוואגט צו שלאגען דעם דאזיגען ערהאבענעם אלטען מאן, איז דאס געהערט געווארען?

רײן נאמען, יונגער הער, איז מאקס — האט דער דיענער ערשטוינט אויסגערופען — אויך דער זוהן פון מײן פריערען פערשטארבענעם בארען בערטהאלד האט זיך גערופען מאקס, און ער האט געהאט דײנע יאהרען. אח, און ווי עהנליך איז דאס אויסזעהן... אבער האט דער אלטער זיך גער, איז עס דען מעגליך אז טויטע וועלען לעבעדיג ווערען...

טויטע, זאגסטו — האט יוסף געזאגט — בוזטו דען זיכער אז דער זוהן פון דײן פריערען הער איז געשטארבען?

ער איז ניט געשטארבען פאר מײנע אויגען — האט געענטפערט דער אלטער — ער איז פון דער דאמאלסדיגער שרעקליכער נאכט פערשוואונדען געווארען, זינט דאמאלס האבען מיר איהם ניט געזעהן, און בײ אונז איז קײן צווייפעל ניט געווען אז ער איז אומגעקומען.

בײדע יונגע מענשען האבען זיך אומגעקוקט, און יוסף האט געזאגט אין א שטילער שפראך, אז בײ איהם איז קײן צווייפעל ניט דאס דער אלטער איז איהם אונענדליך טרײ, און מען קען זיך פאר איהם פערטרויען.

מאקס האט זיך מעהר ניט געקענט אײנהאלטען, ער האט זיך אויפגעשטעלט צוגעגאנגען צום אלטען און געזאגט מיט א הויכער שטים:

דניאל, טײערער, און די קענסט גארניט גלויבען אז דער זוהן פון דײן הער לעבט און שטעהט איצט פאר דיר?

וואס? — האט דער אלטער אויסגעשריגען און איז געבליבען שטעהן בײ דער וואנד ווי א טויטער מיט א שרעקליך בלאס פנים — גרויסער גאט איז דאס מעגליך אז מײנע אלטע אויסגעלאשענע אויגען זאלען נאך זעהען מײן טייערען מאקס, דאס קינד, דאס ליעבע און אײדעלע קינד וואס איך האב אויף מײנע הענד געטראגען? אבער זאגט מיר גוטע מענשען, צי מאכט איהר ניט קײן שפאס פון א אלטען מאן, און איהר שפיעלט זיך מיט מײנע געפיהלען?

טײערער דניאל! האט אויסגערופען מאקס וועלענדיג ארומארמען דעם אלטען, אבער דער דיענער איז איהם געפאלען צו די פיס, און זיך צוהײנט ווי א קלײן קינד.

מאקס האט איהם אויפגעהויבען פון דער ערד, איהם ארומגענומען און הארציג געקושט זאגענדיג:

איך בין דאס דער קלײנער מאקס, דער זוהן פון דײן אמאליגען הער, טויזענדער שטימען רופען צו מיר פון טיעפען הארץ, אז דאס בין איך, און איך צווייפעל ניט אז דאס איז אזוי.

אה, איז דאס מעגליך, איז דאס מעגליך, האט דער אלטער ניט אויפגעהערט צו מורמלען, און פון זײנע אויגען האט זיך געגאסען טרעהרען.

יוסף וועלכער איז די גאנצע צײט געשטאנען אין דער זײט און ניט געוואלט שטערען די צוויי מענשען דאס בעקענען זיך, האט זיך יעצט אנגערופען:

איך גלויב ה' דניאל אז איהר ווײסט פיעל מעהר פון מאקס'ן וואס מיט איהם האט פאסירט, און מיר האלטען אז מיר מוזען אונזער סוד פערלויפיג האלטען שטרענג אין געהיים ביז מיר וועלען האבען פאקטישע בעווייזען.

מאקס האט אנגעהויבען:

ערשט איצט דערמאן איך זיך וואס אמאל מעהר מעהר, איך געדענק מײן פאטער זעעליג, דעם שרעקליכען טאג וועלכען איך האב קײנמאל ניט געקענט לייכען. פאר וועלכען איך בין אנטלאפען און האב איהם אויסגעמיטען, אבער וואו איז ער איצט?

וואו ער איז, פרעגסטו — האט דער אלטער טרויריג ערווידערט — ער איז דאך דאס איצט דער אײנגענומער פון פאלאץ.

דאס איז דאך שרעקליך — האבען בײדע מאקס און יוסף אויסגעשריגען — ער איז דאס דער בעל-הבית פון פאלאץ, און ווער ווייסט אויב ער האט ניט גענומען קײן אנטייל אין דעם רויב-מארד, און זײנע הענד האבען ניט פערמארדעט דײנע עלטערן.

דער אלטער האט טרויריג געשוויגען טראכטענדיג דעם קאפ, און יוסף האט ווײטער געזאגט:

אויב דאס איז אזוי, אויב דער דאזיגער שרעקליכער מענש איז איצט דער הערשער פון פאלאץ, מוזען מיר זיך באלמעהר היטען און פערזיכטיג זײן, ער טאר קײן זאך ניט פיהלען, און ניט אנמערקען וועגען אונזערע געדאנקען, וואורום ער איז אויף אלעם פעהיג.

אזוי איז דאס מײנע ליעבע הערען, דער דאזיגער מענש איז פערדארבען ביז גאר, איך האב שוין פיעל מאל געטראכט וועגען דעם אז דער שרעקליכער אנפאל אויפ'ן פאלאץ אין יענער נאכט איז געשעהן זײן ארבייט, און דאס איז אויך געווען צוליעב דער גרויסער שנאה צו דיר, דאריבער מוזט איהר אייך האלטען רוהיג, איך בין דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט וואס גאט האט מיר געהאלפען דיך צו זעהען, טײער קינד, און נאך גליקליכער וועל איך זײן ווען איך וועל דיך קענען ברענגען צו דײן ליעבער מוטער וועלכע געהט אויס נאך דיר.

אה, פון גרויס איבעררשונג האב איך פערגעסען דיך צו פרעגען וועגען מײן מוטער, וועגען מײן טײערע און ליעבע מוטער, זאג מיר שנעל לעבט זי? וואו געפונט זי זיך? ווען וועל איך זי קענען זעהען?

דײן טײערע מוטער לעבט — האט דער אלטער געענטפערט — זי וואלט געוויס שוין לאנג ניט געלעבט, אבער בלויז די האפנונג דיך צו זעהען האט איהר צוגעגעבען כח אויסצוהאלטען די צרות.

וואו איז זי? וואו איז זי? איך לעב? — האט מאקס געפרעגט.

יא, מיט א געוויסער צײט צוריק איז א אומבעקאנטער מענש געקומען און איהר געזאגט אז דו לעבסט און וועסט געוויס נאך צוריק קומען, אבער זי האט דאס ניט געגלויבט, ווײל דער מענש איז באלד אוועק ניט וועלענדיג זיך היבען פאר דײן מוטער.

אה, מאמע, מײנע מאמע, האט מאקס זיך צוויינט ווי א קלײן קינד.

(פארטז. קומט).

בריעף פון ברעסלוי.

פון אונזער קארעספאנדענט פ. שמולעוויטש.

דעם 18-טען יאנואר איז פארגעקומען די ערשטע זיצונג פון די נייע געוועהלטע געמיינדע פארשטעהער, די אסט-יודען וועלכע האבען דאס ערשטע מאל אין דער געמיינדע א פערטרעטער זענען געווען נייגעריג, און האבען זיך אין צוהערער-זאל פיעל פערזאמעלט.

נאכ'ן ערלעדיגען דעם טאג-ארדנונג איז פארגעקומען די בעגריסונג וועלכע עס האט געהאלטען דער עלטסטער פון די פערטרעטער, ער האט בעטאנט, אז אזוי ווי עס איז געקומען צו א קאמפראמיס און עס איז געווארען פערמיטען א קאמף, האפט ער אז אויך די ארבייט וועט ווערען פרידליך געפיהרט.

א קליינער עפיזאד האט זיך אבגעשפּילט ביים אבגעבען די שטימען: איין פערטרעטער האט דעם צעטעל אבגעגעבען אין דער העברעאישער שפּראך, דער פארזיצענדער ערקלערט אבער, אז אזוי ווי די שריפט אין אלע אנגעלעגענהייטען איז דייטש, און אלע צעטלען זענען געשריבען אין דייטש, ערקלערט ער דעם צעטעל פאר אונגילטיג. דארויף פראטעסטירט ה' יאקובזאן דער פערטרעטער פון דער פאלקס-פארטיי, און זאגט: אזוי ווי א גרויסע טייל צעטלען זענען געשריבען מיט לאטיינישע שריפט דארפען די אנדערע אויך ווערען ערקלערט פאר אונגילטיג, און מען האט די זאך געגעבען צו ענטשיידען דעם פרעזידיום, עס וועלט געווען ווינשענסווערט אז די פאלקס-פארטיי ווי אויך פון די אסט-יודען וועלען די פראגע אמאל ברענגען אויף דער טאג-ארדנונג און זי ענדגילטיג ערלעדיגען.

וועגען די קאנדידאטור פון ר' יששכר טעמער, אלס דיין, וואס איך האב געשריבען אין מיין פריהערען בריעף, איז נאך נישט פערצוזעהען מיט וואס עס וועט זיך ענדיגען, דען דער ארטאדאקסישער ראבינער פערלאנגט פון די קאנדידאטען א סמיכה פון קאלישער רב, הרב ליפשיץ. און ווי איך הער איז איינער שוין געפאהרען זיך צו א סמיכה צו פערשאפען. ארום דער דיין-פראגע איז אויך נאך פערוויקעלט א צווייטע פערזענליכע פראגע וועלכע איז נאך יעצט נישט רייף צו פערעפענטליכען, און איך וועל דאס טהון ביים צווייטען מאל ווען די פראגע וועט זיין ענדגילטיג ערלעדיגט, ווייל איך האב מורא אז עס זאל נישט שאדען איינעם פון די צדדים.

די פּראַגייגונג פון אלע אסט יודען צו דער געמיינדע ארבייט האט אויך געהאט א גרויסע ווירקונג אויף דער שווערען עקאנאמישען לעבען מיט וועלכען די אסט-יודען האבען דא צו קעמפען, דער האנדעל איז וועגער יעדען ערלויבט, אבער די מעהרערע אסט-יודען פערנעהמען זיך מיט רייזען און הויזירען און דאס איז נאר ערלויבט ביי א ספעציעלע ערלויבניס וועלכע איז גראד פאר די אסט-יודען שווער צו בעקומען, עס איז נאר דא א קליינע גרופע וועלכע האבען אזא ערלויבניס און זיי מאכען בייזענשטאנען זכות אבות, די דייטשע יודען האט אין אנפאנג די זאך זעהר פערדראסען, ווייל זיי האבען אין דעם געזעהען א קאנקורענץ, און האבען פערזוכט מיט פערשידענע מיטלען דאס צו בעקעמפען, אבער דורך דער לייטפולסט פון די אסט-יודען, איז דער קאמף פון די דייטשע יודען אויפגעגעבען געווארען.

די ווירטשאפטליכע לאגע אנערקענט אבער נישט קיין פארטייען און אויך נישט קיין אסט און וועסט, אויך צווישען די וועסט יודען איז דער קריזיס ארייננעטרעטען און זיי האבען אויך צו קעמפען וועגען זייער עקזיסטענץ, און „יאק ביערא טע דא זשודא".

מיט א פאר חדשים צוריק איז מיר געלונגען צו גרינדען א פעראיין, און א פעראייניגונג צווישען וועסט און אסט, דער פעראיין ענטוויקעלט זיך זעהר גוט און איך מוז צוגעבען, אז קיין בעסערען עקספערימענט האט מען נישט געגלויבט. דוקא די דייטשע יודען וועלכע האבען דאס בעקעמפט זענען יעצט בלב ונפש פאר א צוזאמענארבייט, ווייל זיי האבען איינגעזעהען אז איינער קען לערנען פון אנדערען, נור לערנען פון זיי ארגאניזאציע און זיי פון אונז איבערגעבענהייט און טעמפעראמענט.

ליידער פערשטעהען אבער נאך נישט אלע אסט-יודען די נויטווענדיגקייט פון געזעלשאפטליכקייט כדי זיך א שפּיקעל מוסר ארבייצונעהמען. איך האב אמאל געשריבען וועגען א ראבינער וואס האט פון די קאנצעל געפאדערט אז אין די עפענטליכע לאקאלען זאלען די אסט-יודען צופיעל אויפפאלענד מיט זייער בענעהמען און עס פעהלט זיי געזעלשאפטליכקייט, די ראבינער רעכענען זיך נישט מיט דעם וואס אזעלכע זאכען ווערען אויסגעכאפט דורך די אנטיסעמיטישע צייטונגען און ווערען צובלאזען און אין די ווייטע עפענטליכקייט וואס עס פערשאפט אונז געוויס נישט קיין נחת.

איך האב דאס דאמאלס געהאלטען פאר א עולה, אבער איין לעצטער פאל וועלכער האט פאסירט מיט א אסט-יוד וואס דאווענט גראד אין דעם שוהל און וואס האט גראד אויסגעזוכט א עפענטליך לאקאל זיך מיט א צווייטען אבצורעכענען בקול רם, אז טאז איינער ווייס ארויס וואס ער איז דאס איז פאר אלע קלאר. אבער וואס זאגען אנדערע? עס איז געווען זיך צו שעהמען ווי דעם גאנצען לאקאל האט געברומט און עס האט נישט געפעהלט קיין חוזק מאכער אויף אונזער ארדעס, איך מהו דעם נאמען פערעפענטליכען למען ישמעו וייראו, דאס איז א העכער טענגעבוים. דאס וואס מען קען נישט ווירקען דורך די קאנצעל, וועט די עפענטליכע מיינונג ווירקען...

און צוזאמענהאנג מיט די עקזעקוטיוו-זיצונגען אין לאנדאן, און די קאנגרעס אנגעלעגענהייטען האבען מיר דא געהאט א גאסט אויף איין רעפעראט דעם ה' שטרוקער פון ווין, וועלכען די היגע רעוויזיאניסטען האבען איינגעלאדענט, כדי זיך אבצורעכענען מיט די אלגעמיינע ציוניסטען.

אזוי ווי די די רעוויזיאניסטישע בעוועגונג האט אין די ציוניסטישע רייהען א גרויסע ווירקונג, האט זיך דאס אויך דא אין דייטשלאנד די בעוועגונג פערברייטערט און ה' שטרוקער האט צוגעצויגען א גרויסען עולם.

דער רעפעראט איז געווען זאכליך מיט קריטיק בעגרינדעט און אויסגערעכענט מיט איינצעלהייטען, אויף וועלכע די גענגער אין די דיסקוסיע האבען נישט געקענט ערווידערען. דער רעפערענט האט מיט פערשיידענע בעווייזען פעסטגעשטעלט אז עס איז א טאטזאכע דאס די ציוניסטישע לייטונג האט צוגעפיהרט צו די יעצטיגע ווירטשאפטליכע און פאליטישע קאטאסטראפע אין דער ציוניסטישער בעוועגונג, און ווען די יעצטיגע לייטונג וועט ווייטער בלייבען ביים רודער איז די קאטאסטראפע אונפערמיידליך. דער רעדנער אפעלירט צו אלע ציוניסטען צו ווירקען אז עס זאל ווערען געשאפען א אנדערע אנפיהרערשאפט.

ד"ר דוד קאגאן.

מעדיצינישע שמועסען.

ניקאטין.

איך בין נישט דא אויסען ארויסצוטרעטען געגען רויכערען, וואס איז אזוי פערשפרייט אויף דער גאנצער וועלט. נישט איינמאל זענען שוין געמאכט געווארען פערשיידענע פרובען דורך מעדיצינישע און ווירטשאפטליכע קרייזען, אום צו בעקעמפען דאס רויכערען — אבער אהן ערפאלג. און דאס איז גאנץ פערשטענדליך. דער סדר-עולם איז שוין אזא, אז יעדער מענש מוז שווער ארבייטען, בכדי ער זאל זיך קענען דערהאלטען. נישט זעלטען קומט אויס אויף דעם שווערען לעבענס-וועג צו ליידען הונגער, דורשט; די נערווען ווערען תמיד געשפאנט. א משפט, אז דער מענש זוכט אין אזעלכע פאלען מיטלען, וועלכע זאלען בערוהיגען דעם ערמידונגס-געפיהל, דעם הונגער און דורשט-געפיהל, וועלכע זאלען ענטשפאנען דעם נערווען-סיסטעם — די דאזיגע פעולה רופט ארויס דער ניקאטין, וועלכען עס ענטהאלט אין זיך דער טאבאק. אבער עס איז פאלש צו בעהויפטען, אז אזעלכע אייגענשאפטען פונ'ם ניקאטין זענען אונשעדליך פאר'ן ארגאניזם. אט דוקא די אייגענשאפטען פון א גענוס-מיטעל בעווייזען, אז מיר האבען צו טהון מיט א גיפט. אזעלכע עהנליכע אייגענשאפטען בעזיצט אויך, צום ביישפיעל, קאקאאין, וועגען וועלכען עס וועט קיינעם נישט איינפאלען צו זאגען, אז ער איז נוצליך.

מען ווייזט אן זעהר אפט אויף נאך אלטע מענשען, וועלכע רויכערען צעהנדליגער יאהרען און זיי שאדט דאס גארנישט. עס איז אבער א פראגע: צי דאס איז טאקי אזוי אין דער ווירקליכקייט. איך האב געזעהען פיעל אזעלכע אלטע רויכערער, אבער נישט געטראפען צווישען זיי אזעלכע, וואס ער זאל זיך נישט בעקלאגען אויף פערשידענע קראנקהייטס-ערשיינונגען. ער האט א שוואכען אפעטיט, קאפ-שווינדעל, קאפ-שמערצען, ערשיינונגען פון זייט מאגען-געדערים-קאנאל, אבער קיינמאל וועט איהם נישט איינפאלען, אז שולדיג אין דעם איז טאקי דאס רויכערען. ער וועט עס ערקלערען מיט סקלעראזע, אבער ער וועט זיך נישט אבשטעלען אויף דעם, וואס עס האט ארויסגערופען אזא פארם פון סקלעראז מיט די אויבענדערמאנטע קראנקהייטס-ערשיינונגען. ביי יונגע מענשען, וואס רויכערען פיעל זענען אלערליי קראנקהייטס-ערשיינונגען צאהלרייכער. מען וועט עס ערקלערען מיט פערקיהלונג, ארטערעמיזם, שווערע אנשטרענגענדע ארבייט, נערווען—קיינמאל נישט מיט רויכערען. איהר קענט נאך הערען פון רויכערער, אז ניקאטין איז גאר געזונט, אז דאס „דעזינפעצירט" די לונגען און פערהיט פון קראנקהייטען.

אין דער מעדיצינישער וועלט זענען קיין צוויי מיינונגען נישטא: ניקאטין איז א גיפט און דערפאר שעדליך.

הונדערט גראם טאבאק ענטהאלט פינף גראם ניקאטין. צוויי צעהנטעל גראם רופט שוין ארויס א שטערבליכע פערגיפטונג. ביים רויכערען ענטשטעהען געוויסע פראדוקטען, ווי: גיפטיגע גאזען, דוזעלבינע, וואס געפינען זיך אויך ביי א טאבאק. דער ניקאטין און די גאזען ווערען רעזארבירט דורך די שליים-הויט פונ'ם מויל און די אויבערשטע אטעם-ארגאנען; א טייל ווערט פערשלינגען מיט שפייעכץ. צום גליק ווערט נור איין דריטעל פון גאנצען ניקאטין-געהאלט אויפגענומען דורך דעם קערפער, ווייל אנדערש וועלט שוין א צוגאב פון 6—5 גראם געווען גענוג צו טויטען א מענש.

ניקאטין רופט ארויס קודם כל כראנישע ענטצינדונגען פון שליים-הויט, בעזונדערס פון מויל, האלז, לופט-רעהרען, נאז, אויגען און מאגען. אזעלכע קאטארען געפינען זיך כמעט ביי אלע רויכערער. על-פי-רוב פיהלען זיי עס אפשר נישט, נישט בעזונדער שטארק און לייגען אויף זיי קיין אכט נישט, אבער די ערשיינונגען דעקען זיי אויף. די דאזיגע כראנישע קאטארען שוואכען אב דעם חוש-הטעם און חוש-הריח און אזא רויכערער מוז בענוצען אלע מעהר זאלץ, געווירצען און אלקאהאל, אום די צונג זאל נאך פיהלען וואס פאר-נישט-איז געשמאק. פעהלט דער געשמאק און גערוך, דאן פראדוצירט דער מאגען ווייניגער זאפט, וואס איז נויטיג צו פערדייען דאס עסען און עס קומט זעהר אפט צו ערקראנקונגען פונ'ם מאגען. קלינישע סטאטיסטיק בעווייזט, אז דער פערשלונגענער מיט'ן שפייעכץ ניקאטין, ערלייכטערט דאס ענטשטעהן פון א מאגען-געשוויר; און גארנישט זעלטען דורכ'ן שטענדיגען רייץ קומט צו א ראק פון מאגען. נאך וויכטיגער פון די ארטיגע שעדיגונגען זענען די אלגעמיינע פערגיפטונגס-ערשיינונגען. דער ניקאטין ווירקט שטארק אויף די נערווען, וואס רעגולירען דעם בלוט-דרוק; דער בלוט-דרוק שטייגט און דאס דערפיהרט שוין צו סקלעראז, אפילו ביי יונגערע מענשען. נישט זעלטען רופט דאס רויכערען ארויס ביי יונגע מענשען שמערצען אינ'ם הארץ און עס קומט וואגער, נישט זעלטען צו א פולשטענדיגען פערשלוס פון די אזוי-גערופענע קראנץ-ארטערען פונ'ם הארץ. אזא פערשלוס איז זעהר שמערצהאפט און שטערט דאס הארץ גופא. מיר טרעפען אזעלכע ערשיינונגען נור ביי עלטערע מענשען, וואס ליידען אויף שווערע סקלעראזע. זעהר עמפפינדליך זענען ניקאטין וועגען אויך די נערווען-פערצווייגונגען אין נעץ-הויט פון אויג און דאס בלינד-ווערען פון טאבאק-ארבייטער איז א אפטע ערשיינונג.

וואס שייך דער ווירקונג אויף די לונגען, דארף מען בעמערקען, אז דאס איז איינע פון די שעדליכסטע. צוויי דריטעל פון אלע געשטארבענע טאבאק-ארבייטער זענען קרבנות פון לונגען-טובערקולאז. קיינער ווערט נישט אזוי לייכט קראנק אויף לונגען-ענטצינדונג און ביי קיינעם פערלויפט נישט אזוי שווער די ענטצינדונג, ווי ביי רויכערער. אט אזוי זעהט אויס אין דער ווירקליכקייט די „דעזינפעצירענדע" ווירקונג פון ניקאטין.

מען דארף אויך נישט פערגעסען, אז דאס רויכערען שאדט נישט נור דעם רויכערער, נור אויך די אומגעבונג. ליידער לעגט מען אויף דעם זעהר ווייניג אכט. בעזונדערס שעדליך איז דאס פאר קינדער. ביי ברוסט-קינדער איז מיר אויסגעקומען צו זעהען זעהר שווערע פערגיפטונגען דורכ'ן טאבאק-רויך; און אין איין פאל האט זיך אזא פערגיפטונג געענדיגט מיט'ן טויט פון קינד. די פערגיפטונגס-ערשיינונגען טרעטען ארויס אויך ביי עלטערע קינדער. מען מוז אויסמיידען מיט קינדער די רויכער-אבטיילונגען אויף די באהנען. ביי קינדער ווערען א אפטע ערשיינונג קאטארען פון די אטעם-וועגען, ארויסגערופענע נור דורך טאבאק-רויך. איך האב געהאט אין מיין פראקטיק פיעל אזעלכע פאלען, וואו עלטערען האבען זיך געוועהנדעט מיט קינדער, וואס האבען געליטען יאהרענלאנג אויף הוסטען און וואו קיין מעדיצינישע מיטלען האבען נישט געהאלפען. עס האט זיך ארויסגעוויזען אז דאס זענען געווען קאטארען פון די אטעם-וועגען, ארויסגערופען דורכ'ן שטענדיגען פערברענגען אין צימערען, וואו מען האט שטארק גערויכערט. עס פערשטעהט זיך, אז קיינע מעדיצינישע מיטלען האבען נישט געקענט העלפען, בעשעת די סבה איז געבליבען אונבאוואוסט. נור די איזאלירונג פון די קינדער האט געבראכט צו פולקאמער היילונג.

איך וויל זיך דא נישט אבשטעלען אויף דער פאלקס-ווירטשאפטליכער זייט פונ'ם רויכערען. עס איז גענוג צו זאגען, אז שווער-פערהארעוועטע מיליאנען, בפרט פון די ארבייטענדע שיכטען געהען, טאקע אויפ'ן חשבון פונ'ם אבגעשפארטען עסען און טרינקען, מיט'ן רויך אוועק—דאס רעדט שוין פאר זיך אליין.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון יודישען גימנאזיום.

זונטאג אוונט איז אין אייגענעם לאקאל פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון די געזעלשאפטליכע גימנאזיעס.

א שעה נאכ'ן טערמין עפענט ה' פ. שפירא די פערזאמלונג און זאגט, אז ליידער איז געקומען א קליינער עולם וואס עס בעדייטעט, אז די עלטערען אינטערעסירען זיך זעהר וועניג מיט דער ערציהונג פון זייערע קינדער.

אלס פארזיצער לייגט ער פאר דעם ה' שענפעלד, אלס ביימיטגלידער די ה"ה דר. גרון און ח. איינשטאק. סעקרעטער ה' הערצבערג.

ה' הערצבערג ליענט דעם פראטאקאל פון דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג, וועלכער ווערט בעשטעטיגט.

ה' שפירא נימט אב דעם טעטיגקייטס-בעריכט, און זאגט צווישען אנדערען:

מיט א שווער הארץ טרעט איך צו אבצוגעבען דעם בעריכט. ערשטענס, ווייל מיר האבען געשלאסען דאס יאהר מיט א דעפיציט און צווייטענס ווייל מיר האבען נישט אויסגעפיהרט דעם בעשלוס פון דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג וועגען קויפען א פלאץ פאר א אייגענע געביידע.

די סיטואציע איז זעהר שווער, עס דראהט א געפאהר דער עקזיסטענץ פונ'ם גימנאזיום און נאר מיט געמיינזאמע הילף וועט געלונגען איינצוהאלטען דעם זעהר וויכטיגען אנשטאלט.

דער לאקאל איז ליידער נישט צוגעפאסט אבער דערווייל איז נישטא קיין אנדערע ברירה.

די שולע האט אויסער איהרע פערשידענע לעהר-איינריכטונגען אויך א אייגענעם ארקעסטער.

ה' שפירא לעזט אדורך די וויזיטאציע פון שול-קוראטאריום, וועלכע איז א בעפרידיגענדע.

די שולע האט 2 דעקטירים, וועלכע אונטערזוכען די קינדער. אויך אין דער הייגיענישער הינזיכט ווערט געפיהרט א גרויסע טעטיגקייט.

דער דעפיציט פון דער שולע בעטרעפט 2713.89 זל.

אין דער דיסקוסיע נעמט אנטייל ה' רייך, וועלכער קריטיקירט דאס, וואס אין בודזשעט געפינט זיך א פאזיציע פון 1200 זל. ספעציעל פאר'ן ד"ר הירשבערג אלס סובסידיום פון דער געמיינדע און ווי עס איז א שטארקער קריזיס זאל מען די סומע אנולירען און זי בעסער בעשטימען אויף הנחות פאר ארימע שולער, דאן האלט ער אויף פאר, אז די קינדער ווערען אויפגעמונטערט צו קויפען ביכלעך אין וועלכע עס געפינען זיך בילדער און דערציהלונגען וועגען יעזוס און הייליגע מוטעלאך.

עס רעדען נאך די ה"ה צוקערמאן, שפירא, שמולעוויטש, דר. פראסט, גנולער, שטרוים, דר. פרושנצקי, מיסקא, הייספעלנער, וועלכער ווארפט פאר דער לייטונג פון דער שולע, אז זיי האבען בעת די מאטורעס נישט געמאכט קיין שום פערגרייטונגען און דאס איז נישט אין ארדנונג.

נאך דער דיסקוסיע ווערט אנגענומען דער בעריכט און עס ווערט אויסגעדריקט צוטרוי דער אלטער פערוואלטונג.

פון דעם בעריכט פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע ווייזט זיך ארויס אז דער אלגעמיינער דעפיציט פון דער שולע בעטרעפט 32,563.90 גר.

עס ווערט אויך אנגענומען דער בודזשעט אויף דער סומע פון 185,892 זלאטעס.

אויך ווערט אנגענומען א בעשלוס צו ווערבירען נייע מיטגלידער פאר'ן גימנאזיום.

אין דער דיסקוסיע ווערט בעריהרט די פראגע וועגען סובסידיום פון דער היגער קהלה און עס פאלען ווערטער וועגען פראטעסטירען געגען דער קהלה, אויך זאל מען פאר די עלטערען, וואס האבען קינדער אין גימנאזיום און זייענדיג פרנסים שטימען זיי געגען די סובסידיום פאר'ן גימנאזיום, זאל מען זיי ארויסנעמען די הנחות.

פרעזעס ה' העקסלער גיט א גענויע ערקלערונג און ווייזט אויף אז די פערוואלטער וועגען נישט אפה. אלס בעסטער בעווייז קען דינען דער פאקט, אז היי-יאהר איז בעשטימט געווארען א סובסידיום פון 13 טויזענד זלאטעס וועלכע ווערען אין די ראהמען פון דער מעגליכקייט אויסגעצאהלט.

עס ווערען אנגענומען פאלגענדע פערשלאגען:

1) די פערזאמלונג פערדעלט די האנדלונג פון די יעניגע מיטגלידער פון ראט און פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה, וועלכע האבען געשטימט געגען סובסידירען דאס יודישע גימנאזיום.

2) די פערזאמלונג פאדערט אויף די קהלה, אז זי זאל דאס היינטיגע יאהר אויסצאהלען די גאנצע סובסידיע דעם גימנאזיום.

3) זיך בעמיהען ארויסצובעקומען פון מאגיסטראט די סובסידיע פון 5 טויזענד זל.

עס קומען פאר וואהלען, וועלכע געבען פאלגענדע רעזולטאט:

אין דער פערוואלטונג ווערען אויסגעוועהלט די ה"ה: ש. גאלדשטיין, ח. העקסלער, ל. קאמינסקי, י. שלעזינגער, נ. ד. בערלינער, פרעגער און ד"ר גרון.

אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע די ה"ה חושליצקי, ליבעסקינד און יאקוב שענבעלר.

„קרן היסוד"

געווידמעט דער קרן-היסוד-אקציע,

וואס הויבט זיך אן זונטאג י"ד שבט תרצ"א (דעם 1 פעברואר 1931 י.)

הרב ר' יהודה ליב פישמן.

(ביאגראפישע נאטיצען).

הרב פישמאן איז געבוירן געווארן אין בעסאראביען אין יאהר תרל"ו.

שוין אין זיינע יונגסטע יאהרען האט ער זיך ארויסגעוויזען אלס א גרויסער עלוי און אלע מלמדים ביי וועלכע ער האט געלערנט האבען בעוואונדערט זיינע פעהיגקייטען. שפעטער האט ער געלערנט אין די ישיבות אין ווילנא און אין קאוונא און איז נסמך געווארען להוראה דורך די בעריהמטע גאונים, הרב ר' שלמה הכהן ז"ל פון ווילנא, קאוונער רב ר' צבי הירש ראבינאוויטש און ר' יחיאל מיכל עפשטיין ז"ל פון נאווארדאק, דער מחבר פון די בעריהמטע ספרים „ערוך השלחן".

נאך אלס יונגערמאן האט הרב פישמאן אפגעדרוקט זיין ערשטען ספר „הנותן בים דרך", וועלכער האט געמאכט א שטארקען רושם אין די למדנישע קרייזען און מחנכים פון דער יודישער ליטעראטור.

שוין אין זיינע יונגסטע יאהרען איז הרב פישמאן געווען רב אין עטליכע קהלות אין בעסאראביען און אין קיעווער גובערניע. זייענדיג אונגעניער רב האט הרב פישמאן ארויסגעגעבען א רבניש-ליטעראריש-וויסענשאפטליכען זשורנאל אונטער'ן נאמען „היונה", וועלכע איז אויך געווען א טריבונע פאר'ן ציוניסטישען געדאנק. די דאזיגע רעוויזא ורעטשקייט עטענ-פליך צו פארמירן פאר'ן ציוניזם, און אבער דעם הרב פישמאן נישט אפגע-גאנגען גלאטיג, און א דאנק דעם בע-וואוסטען „פלעקע-צירקוליאר" איז ער עטליכע מאל ארעסטירט געווארען פאר ציוניסטישער טעטיגקייט.

אין יאהר תרפ"ג, נאכ'ן קישעניע-ווער פאגראם, האט הרב פישמאן פער-לאזט רוסלאנד און זיך בעזעצט אין ארץ ישראל, וואו ער האט אקטיוו גע-ארבייט ביי דער גרינדונג און ענטוויק-לונג פון „מזרחי". ווייט 29 יאהר שטעהט הרב פישמאן און די רייהען פון די פיהרער פון „מזרחי" און האט זיך און ווייט גענומען בעטייליגט לכמעט אין אלע ציוניסטישע קאנגרעסען. בשעת'ן פיס-גריך פון דער וועלט-מלחמה איז הרב פישמאן ארעסטירט געווארען דורך דער טערקישער רעגירונג און איז אפגעזע-סען עטליכע חדשים און טורמע און נאר א דאנק די השפעה פון די אמע-ריקאנער ציוניסטען און הענרי מאר-גענטוי, וועלכער איז צו יענער צייט געוועזען שטערוקאנער אמבאסאדאר און טערקיי, איז געלונגען איהם צו בע-פרייען פון טורמע, ער האט אבער גע-מוזט פערלאזען דאס לאנד. און יענער צייט איז הרב פישמאן אויף דער אפגע-לאדונג פון „מזרחי" אין אמעריקא, אבגעפאהרען אהינצו, וואו ער האט אין משך פון דריי און א האלב יאהר אקטיוו געארבייט פאר'ן ציוניזם און געוואונען פאר'ן ציוניסטישען געדאנק די ארטאדאקסישע קרייזען אין אמע-ריקא.

נאך דעם ווי ארץ ישראל איז פער-נומען געווארען דורך ענגלאנד, האט הרב פישמאן, א דאנק דער השתדלות פון פרעזידענט חיים ווייצמאן, בעקו-מען די ערלויבניש צוריקצוקומען קיין ארץ ישראל און ער איז געווען פון די ערשטע „חוזרים". הרב פישמאן באלד אנגעהויבען ארויסגעבען א ציו-ניסטיש-מזרחיסטיש וואכענבלאט „התור", וועלכען ער רעדאגירט ביז'ן היינטיגען טאג.

הרב פישמאן איז אויך דער מחבר פון דער ארץ-ישראל געאגראפיע א. נ. „ארצנו" און א ווערק אין דער געשיכ-טע פון יודען אין ארץ-ישראל א. נ. „הבונים הראשונים". אויסער דעם האט הרב פישמאן פערפאסט א גרויס ספר א פירוש אויפ'ן רמב"ם און א חוסענ-שאפטליך ווערק וועגען דער מדרש-ליטעראטור. הרב פישמאן האט אויך אפגעדרוקט עטליכע ספרים וועגען ציוניזם און וועגען דער רעליגיעז-נאצי-יאנאלער בעוועגונג.

הרב פישמאן איז איינער פון די אקטיווסטע טוער פאר'ן רעליגיעזען חנוך אין ארץ ישראל, וואס ווערט אנ-געפיהרט דורכ'ן מרכז העולמי פון „מזרחי".

ווייט 20 יאהר איז הרב פישמאן א מיטגליעד פון אקציאנס-קאמיטעט. לעצ-טענס איז ער אויך געוועהלט געווארען און ראט פון דער יודישער אגענץ און איז איינער פון די פיהרער פון מרכז העולמי פון „מזרחי" פון ערשטען טאג פון זיין גרינדונג.

הרב פישמאן איז געקומען קיין פוי-לען כדי אנצופיהרען מיט דער אקציע פון „קרן - ארץ-ישראל" פון „מזרחי". היות וואן ס'איז בעשלאסען געווארען דעם דאזיגען קאמפיין אפצולעגען אויף זומער, האט הרב ר' יהודה ליב פיש-מאן מסכים געווען אקטיוו מיטצוהעל-פען ביי דעם „קרן היסוד" קאמפיין אין פוילען.

און די עטליכע וואכען וואס הרב פישמאן איז טעטיג פאר'ן „קרן היסוד" האט ער שוין בעזוכט א ריי'ע וויכטי-גע שטעדט אין פוילען ווי פיאטר קאוו, קאלש, סיבאלק און דובנא און ער איז אומעטום אויפגענומען געווא-רען מיט דער גרעסטער בעגייסטע-רונג.

זיינע עפענטליכע ארויסטריטען הא-בען געמאכט דעם שטארקסטען איינ-דרוק אויף די צוהערער און די פראק-טישע רעזולטאטען פון דער ארבייט זענען, ביי דעם שווערען עקאנאמישען קריזיס, גרעסער ווי אין די פריהערדי-גע יאהרען.

אויף היינטיגען שבת קומט הרב פישמאן אין אונזער שטאדט.

מיר בעגריסען אונזער חשוב'ן גאסט מיט א הארציגען „ברוך הבא" און ווינשען איהם ערפאלג ביי זיין ארבייט פאר'ן אויפבוי פון ארץ ישראל.

אונזער נאציאנאל-שטייער.

(צום אנהויב פון דער קרן-היסוד-זאמלונג אין טשענסטאכאוו).

ווידער קומען צו אונז טשענסטאכאווער יודען, די שלוחים פון יודישען פאלק, די יור. עקזעקוטיווע-מיטגלידער, וועלכע זענען בעפולמעכטיגט צו איינקאסי-רען פון אונז דעם נאציאנאלען שטייער — דעם קרן-היסוד.

דאס יודישע פאלק, דער עם חכם ונבון, איז צום בעדויערן נאכנישט נענוג רייף און דערוואקסען צו פערשטעהן זיין עלעמענטארע אויפגאבע, זיין חוב אלס קינדער פון פאלק, אליין בייצושטייערן דעם יעהרליכען שטייער, אליין צו ברענגען די צינגל צום גרויסען און מעכטיגען פאלקס-בנין וואס בויט זיך אין אונזער לאנד, און מען איז געצווונגען צו שיקען צו אונז אונזערע מנהיגים, אונזערע גדולים וועלכע זאלען איהם דערמאנען זיין חוב, זיין פליכט.

עס איז לאידער א טראגעדיע דאס וואס אונזערע בעסטע מענשען, אונ-זערע גדולים און מנהיגים וועלכע האלטען זעהר פיעל געקענט לייסטען פאר אונזער מעכטיגער פאלקס-בעוועגונג, מוזען זיך פערנעמען מיט די געלד-זאמ-לונגען, מוזען ארומפאהרען בכל תפוצות ישראל, זיך ארומשלעפען און נאר דער וועלט וואו נאר יודען געפינען זיך, רעדען צום הארצען פון פאלק ישראל, וועקען און רופען איהם צו בעצאהלען זיין חוב פאר זיך און פאר די שפע-טערדיגע דורות.

אזוי איז דאס איינגעפיהרט, עס פיהרט זיך אזוי וויבאלד די פאלקס-מאס-ען זענען ענטשלאפען, די יודען ברענגען נישט אליין, נאר זיי ווארטען ביז מען קומט צו זיי, ביז עס קומען די עקזעקוטיווע-מיטגלידער מיט די „נאקעזען" און מען מאהנט, מען פאדערט פון זיי דעם יודישען נאציאנאל-שטייער.

וואס דער קאנגרעס וועלכער האט איצט אזוי נויטיג געדארפט זיך צוזאמענקומען צוליעב דער פאליטישער סיטואציע אין ארץ-ישראל, האט גע-מוזט אפגעלעגט ווערען, מען האט געמוזט אפשאפען אויף עטליכע מאנא-טען דאס צוזאמענרופען פון דעם העכסטען נאציאנאל-יודישען טריבונאל, צו-ליעב דעם חשבון פון דער קריזיס. דער געלד-מאנגעל איז אומגעהויער גרויס, און די אנפיהרענדע פערזענליכקייטען, אונזערע גרעסטע פאליטיקער, האבען זיך געמוזט אפזאגען פון דער איצט אזוי וויכטיגער און נויטווענדיגער פא-ליטישער ארבייט, און זיך לאזען אין דער וועלט ארום זאמלען גראשענס, כדי די בוי-ארבייט זאל חלילה נישט אפגעשטעלט ווערען.

מיר יודען אין פוילען זענען שוין צוגעוואוינט צו די מאנ-טעגליכע בע-זוכען פון די עקזעקוטיווע-מיטגלידער, וועלכע פערבויערן איינס דאס לעבען, אבער מיר גיבען, מיר צאהלען אונזער די כוחות, נישט אכטענדיג די ערוויף, וואס די יודען זענען אין דער שטייער-בעלאסטונג ספעציעל בע'עולה'ט גע-ווארען. און עס וועט שוין זיכער צייט נעהמען, אז מ'ט דער ווילבער טאג וואס מיר צאהלען די שטייערן אלס בירגער פון דעם לאנד וואו מיר וואוי-נען, וועלען מיר אויך צאהלען אלס בירגער פון דער מלוכה וואס בויט זיך פאר אונז אדער פאר אונזערע קינדער.

אבער מיט גאנץ אנדערע געפיהלען, מיט אן אנדערער שפראך קומען צו אונז אונזערע יודישע עקזעקוטיווע-מיטגלידער, זיי רעדען צו אונזער יודיש און מענש-ליך הארץ, צו אונזער יודישען און מענשליכען געוויסען, זיי וועקען אין אונז דעם פערשלאפענעם יודישען פאלקס-גייסט, דעם גרויסען און מעכטיגען פאלקס-אידעאל, זיי מאהנען אונזער נאציאנאלען פאלקס-שטייער.

די צייט איז א שלעכטע, זעהר שלעכטע, די עקאנאמישע לאגע פון יודישען פאלק איז ממש קאטאסטראפאל און ווערט ערגער פון טאג צו טאג, אבער דאס בעפרייט אונז בשום אופן נישט פון אונזערע הייליגסטע פליכטען אלס קינדער פון יודישען פאלק, אלס זיהן פון דעם עם-הנצח.

יעדער פון אונז מוז אנשטרענגען זיינע לעצטע כחות, יעדער, וועמען די צוקונפט פון זיין פאלק איז הייליג און טייער מוז איבער זיינע מעגליכקייטען, מעהר ווי זיין יכולת מיטהעלפען צו דעם גרויסען און מעכטי-גען אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל. קיין שום יוד, וואס האט נאר די מעגליכ-קייט, טאר זיך נישט אויסשליסען, פון אנטהיילנעמען אין דער קרן-היסוד אקציע, זיין נאמען מוז זיך געפינען צווישען די וואס ברענגען די קרבנות, וואס בעשטייערן זיך גוטווילינג מיט אונזער נאציאנאל-שטייער.

י. פראצקער.

מ. א. הארטגלאס.

(ביאגראפישע נאטיצען).

מ. א. הארטגלאס איז געבוירען אין יאהר 1883 אין ביאלא פאדלאסקא. דארט געענדיגט גימנאזיע און בעקו-מען יודישע בילדונג אין ווארשא-ווער אוניווערזיטעט, וואו ער איז צום לעצט אויסגעשלאסען געווארען פאר ציוניסטישער טעטיגקייט.

בעקומען דעם טיטול „קאנדידאט פון רעכט" פאר דער דיסערטאציע: „ירושה און צוואה אין פוילען און רוס-לאנד".

אין יאהר 1903 איז הארטגלאס גע-זעסען אין תפיסה פאר מאכען א דע-מאנסטראציע געגען דער אויפפיהרונג פון אנטיסעמיטישער פיעסע אין טעאטער „ראזמאיטאשטשי" אין ווואר-שא.

אין יאהר 1916, בעת דער דייט-שער אקופאציע איז ער געשטעלט געווארען פאר א דייטשען פעלד-גע-ריכט פאר פערטיידיגען פוילישע שו-לער אויף דער גאס אין שעדלעץ, געגען דער ברוטאלער האנדלונג פון דייטשע זשאנדארמען. די געלד-שטראף אויף וועלכע הארטגלאס איז דאן אין דייטשען פעלד-גערוכט פערמשפט גע-ווארען, האט בעצאהלט די פוילישע בעפעלקערונג אין שעדלעץ.

ער איז געווען דער מוטיגער פער-טיידיגער פונ'ם בעריהמטען רעהאבו-לומאצע - פראצעס פון דערשאסענעם רבי שפירא און פלאצק.

ה' הארטגלאס איז געווען מיטשע-פער פון וועלטבאקאנטער פראגראם, וועגען די מעטאדען פון קאמף פאר יודישע רעכט און די גלות-לענדער, רעלעגאט צו די ציוניסטישע קאנגרע-סען, מיטגליד פון אלע אנפיהרענדע ציוניסטישע אינסטאנצען אין פוילען, פרעזעס פון יודישען „קלוב" און צוויי-טען סיים, אקטיווער מיטגליד פון דער יודישער קאמיסיע אין סיים, מוטיגער פערטיידיגער פון לאקאטארען-שוץ און פון די רעכט פון יודישען קליינהענד-לער און בעל-מלאכה, אייפריגער קעמ-פער געגען דער שחיטה-גזירה, מיטאר-בייטער פון היינט און פון די ציוניס-טישע פרעסע-ארגאנען אין פוילען.

אויף היינטיגען שבת קומט ה' הארט-גלאס אין אונזער שטאדט. מיר בעגרי-סען אונזער חשוב'ן גאסט מיט א הארציגען „ברוך הבא" און ווינשען איהם ערפאלג ביי זיין ארבייט פאר'ן אויפבוי פון ארץ-ישראל.

אלע טשענסטאכאווער יודען בעשטייערן זיך פאר'ן „קרן היסוד"!

הרב מאיר בערלין

גרינדונג.

חען צוריק; מיט צעהן יאהר האט זיך דערהערט צווישען די קרייזען פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אויף איהר קאנפערענץ אין לאנדאן, דאס ווארט „קרן-היסוד", און אין דעם געהען א גרויס נייעס; אין דן בעדייטונג פון נאמען, אין די פארם פון דער ארבייט, אין דער אינהאלט פון דער אקציע האבען ארויסגערופען ביי די ציוניסטען און ביי דער יודישער געזעלשאפטליכקייט פערוואונדערונג.

די יודישע פאלקס-מאסען, ווען דן דאס מיינען, ווען די ביי ווערטען מען מינט, האבען זיך נישט פערגעשטעלט, אז מען קען שאפען אנ'אנדער פאנד אויסער א קרן קימת, וואל דאס זיין א „קרן קימת" אויף אויסלייזען בודען, וועל זיין א אנדער פאנד און וועלכער עס איז פארם. נאר דער גרונד-קאפי-טאל וועל גלייבען אייביג, אבער מען וועל פראקלאמירען א „פאנד" נישט אויף בענוצען בלויז זיין הכנסה, נאר מאכן אויסעסען דעם קרן, א פאנד וואס געלדער וועלען אריין און ארויס, וואס מ'וועל זאמלען אין די גלות-לענ-דער און אויסגעבען און ארץ ישראל, נישט וויניגער ווי מען האט געזא-מעלט, און צומאל — נאך מעהר... אזא זאך האט זיך קיין ציוניסט נישט פערגעשטעלט.

נעהאוסט האבען די ציוניסטען און געהאוסט האט דאס גאנצע יודישע פאלק וואס בענקט נאך ארץ ישראל און איהר אויפבוי, אז מען דארף בוי-ען און קויפען, אז מ'נויטיגט זיך און געלדער און הייגיגסטענס, און הייזער און שטאלען, אבער מען געדענקט אז דאס ווערט געטהון דורך איינצעלנע, דורך יחידים, ווי „הנדיב הידוע" (בא-ראן ראטשילד), פאר דעם כלל ישראל, אדער יחידים פון קליינעם קאפיטאל און אהן פערמעגען, וועלכע שאפען דאס פאר זיך זעלבסט, אדער יחידים וואס פעראייניגען זיך אין גרופען, ווי, למשל צום „דער ערסטער קאמיטעט", „מנוחה ונחלה", מארגאַריער „אהבת ציון" ופרומה, אבער מען וועל צונרע-מען און נאמען פונ'ם ציוניזם, און נאמען פון דער גאנצער בעוועגונג צו זאמלען געלד פאר מאנ-מענליכע אויס-גאבען, און ארבייט האט חור'ט זיך איבער יעדעס יאהר — דאס איז גע-ווען א נייעס, און נאך אגרופען מיט אזא קלונגענרינגען נאמען — קרן-היסוד!

דאס שאפען פון פאנד: נישט דורך געטען אבצאהל, נישט דורך ערמערגען נדבות, נישט דורך בעפולמעכטיגטע און אפילו נישט דורך יחידים — רייכע און בעמיטעלטע, נאר א אויפרוף און ארויס מיט כח: „גרענגט מעשר דעם קרן - היסוד"! און דאס גאנצע פאלק, נישט בלויז די „נעשמאווירענע" ציוניסטען, איז אויפגעפאדערט געווא-רען צו מאכען זיין וועלט - חשבון און זיין פסחר-חשבון און אבשיידען מעשר פון זיינע פערדינסטען און הכנסה פאר דעם קרן-היסוד. און וואך-קענער האבען דא געפונגען ארבייט, עוסק געהען און „חלבות מעשר", געמאכט חשבונות, געצאהלט און געלערענט די מאסע מוליאנען, וואס וועלען אריינקומען אין דער קאסע פון קרן-היסוד יעדעס יאהר. ווייל עס האנדעלט זיך דאך נישט מעגען נוט-הארצינקייט, ווען איינער גיט מעהר און דער צווייטער — ווייניגער, נאר וועגען מעשר, אורקליכער מעשר, געמאוויגען און געצאהלט לויט דעם דין, און דער חשבון וועט שוין זיין א רוכטיגער... און נאך מעהר, די עסקנים האבען מורא געהאט, אז עס וועט זיך געפונען א יוד וואס זיין הוצאה איז גרעסער פון זיין הכנסה, און אויב מעשר, דארף מען איהם גיכער גע-בען איידער ביי א חם נעמען, האט מען דעריבער געמאכט א תקנה, אז אפילו דער ארימאן קען נישט געבען ווייניגער פון א געוויסען סכום, וואס איז בעשטימט פאר יעדען לאנד לויט זיין וואלוטע, און מ'טאר נישט נעמען א קלענערע געלד-סומע וואס איז נישט לפי כבודו פון דעם פאנד, ווייל עס האנדעלט זיך דא וועגען א גרונד-פאנד פאר דעם אויפבוי פונ'ם לאנד...

און דער ציעל פון פאנד האט נאך פערשטארקט די בעוואונדערונג ווירק-ליך, מען דענקט יעדעס יאהר צו זאמ-לען פיעל מיליאנען פונטען, א מאסע מיליאנען דאלארען, אבער דאס הייסט נאך נישט בויען דאס לאנד און ישוב, דאס איז ערשט א יסוד פאר א בנין, וועלכער וועט נאכהער קומען. ווייל די עסקנים פון ציוניזם האבען זיך שוין דאמאלס געהאט אנגערצייגט, אז דאס אנבעלאנגט דעם לאנד - אויפבוי זעלבסט, וועט נישט זיין גענוג דאס געלד, וואס מ'וועט קריגען אפילו דורך מעשר, ווען די זאך וועט אפילו עק-זיסטירען. און זיי האבען זיך אויך אי-בערצייגט אז מ'קען נישט אויפבויען א לאנד און שאפען א מדינה דורך עפענ-טליכע ארבייטען און „שליחי צבור", בלויז אויף לייגען דעם יסוד, וועלכער וועל ערמעגליכען דעם אויפבוי, דארף מען נאך האבען מיליאנען, פיעל מיל-יאנען, ווייל פון אריינגעבראכטע די איינ-וואנדערער פון אלע גלות-לענדער, פון תימן ביז פוילען, פון אור-אלטען בבל ביז דער נייער אמעריקא; פון דורכ-פיהרען די וועגען און צוזאמען די פיזישע און קולטורעלע מיטלען צום לעבען ביז בעזעצען די אלע הונדערטע געגענדען, בעזעצען דורך טויזענדער משפחות — דאס אלע צוזאמען איז ערשט א יסוד פאר דער ווירקליכער ארבייט, און ארבייט פון פיעל מענשען און פון עטליכע דורות — ביז איינ-צושטעלען אין לאנד, אין אלע זיינע לעבענס-געביטען און ענטוויקלונג.

און דער דאזיגער געדאנק, אז מ'האט ווירקליך געווען גרויסע, זעהר גרויסע געלד-מיטלען און דאס וועט ערשט זיין א יסוד פאר דעם אויפבוי — עס דער געדאנק איז אנ'ערפינדונג פון דער לאנדאנער קאנפערענץ פון פאר צעהן יאהר.

* * *

און ביי היינטיגען טאג.

צו דעם נאמען „קרן-היסוד" און זיין בעדייטונג האט מען זיך שוין צוגע-וואוינט. זיין נאמען איז מפורסם אויף דער גאנצער וועלט. ער איז געווארען אנ'אטריבוט פון דער גאנצער ציוניס-טישער בעוועגונג, און ביי פיעל, אויך ביי נישט-יודען — איז ער געווארען צו אנ'אטריבוט ווארשט פון גאנצען יו-דענטום. היינטיגען טאג דולט זיך אונז, אז דער „קרן היסוד" האט שוין א אור-אלטע טראדיציע, וועגען וועל-כער מען קען שוין נישט צווייפלען. איך בין מסופק אויב ביי אונז, און אפשר אויך ביי אנדערע פעלקער, איז פערהאן נאך א פארם צדקה, וואס וועל פאר פון קורצער צייט געווינען אזא פאוואסיווע פאפולערקייט צווישען אלע שיכטען פון פאלק. און א ראנג ווי דערפאר — די עסקנים פון קרן-היסוד אין אלע ערטער, וואס מוז ווערען גע-קומען דערצו, אז יודען מעקטען מ'וועל קומען ביי זיי אנגעטען זייער בעשטיי-ערונג, און דער וואס בעשטייערט זיך נישט פאר דעם דאזיגען פאנד קוקט מען אויף איהם ווי אויף איינעם וואס טיילט זיך אב פון כלל, און ער מוז ערקלערען צוליעב וועלכער סיבה איז ער פורש מן הצבור...

וואס אנבעלאנגט דער פארם פון דער ארבייטס-אבשייערן-מעשר—איז דאס פון תמיד אן א שווערע זאך און אויך דער יעצטיגער שווערער מאמענט האט אין דער הינזיכט נישט געהאלפען. אלץ איז ווי געווען. הגם דער בעי-שטייער פאר דעם קרן-היסוד שטעהט אויף דער געהעריגער הויך, אבער צו-מאל מערקט זיך אויך גענוג קליינליכ-קייט און די מעהרהייט פון די בעי-שטייערער האבען נאכנישט בעגריפען דעם ווערט פונ'ם דאזיגען פאנד כדי צו חושען זיין טאג און די געהעריגע סומע פון די מיטלען, וואס איז כדאי פאר איהם אבצושיידען...

אנדערש איז מיט דעם חורבן פונ'ם דאזיגען פאנד,—דאס איז א הלכה, וועלכע מ'האט „געלערנט און נישט געלערנט". די עסקנים אין אלע ער-טער זענען געוואוינט צו ערקלערען, אז לעת-עתה בעשעפטיגען מיר זיך מיט דעם יסוד פון ארץ-ישראל אויפבוי און די ארבייט פאר דעם קרן-היסוד איז נאך נישט קיין ארבייט פאר דעם אויפ-בוי זעלבסט. אבער די דאזיגע ערקלע-רונג איז נאך נישט איינגעדרונגען און איבער דער אונקלארקייט לייטען בפרט אי דער בנין-הארץ, אי דער קרן-היסוד. דן האט שטרעבען צו אנ'אויפ-בוי פון ארץ ישראל אין גרויסען מאס-שטאב בעציהען זיך לגבמונג צום קרן-היסוד און די, וועלכע זענען טריי דעם קרן-היסוד, זענען זיך אב פון וועלכער עס איז אנדערער ארבייט...

און בעת מיר פייערען דעם יובילעי-אום פון קרן-היסוד דארפען מיר זיך אלע אבשטעלען אויף דעם דאזיגען פראבלעם:

דער קרן-היסוד דארף פערשטארקען די מעגליכקייט, דארף זיין דער יסוד פאר דער קונסטיגער ארבייט פונ'ם ארץ-ישראל-אויפבוי און זיין גאנצער גרויס און פראכט. און ווער עס פא-דערט מעהר אימיגראציע און קאלא-ניזאציע, דער דארף פערגרעסערן דעם קרן-היסוד און זיינע מיטלען.

און ווער עס וויל עס זאלען זיך פערגרעסערן דער מסחר און די אינ-דוסטריע, דער דארף פערגרעסערן די מעגליכקייטען פונ'ם קרן-היסוד און צוזאמען מיט דעם אויפפאדערען מען זאל אויך א געהעריגען אופן אויסנוצען די מעגליכקייטען.

און ווער עס בעקלאגט זיך, און מיט רעכט, אז דער געזעטיגער עלעמענט פונ'ם יסוד פון דעם ארץ-ישראל אויפ-בוי איז צו שוואך, דער דארף זיך אויך אנשטרענגען עס זאל זיך פערגרעסע-רען דער בודושעט פון דער הוצאה און הכנסה פון קרן-היסוד, כדי עס זאל גרעסער און ברייטער ווערען דער בא-זיס און עס זאל זיך צוזאמענען דער אבערצאל בנין א פולען בנין, און נישט בעגנוגענען זיך מיט א פערקורצטען בנין.

און דן, האט פאדערן א פעסטערע און שטארקערע פאליטיק, וועלען זיי נישט פערגעסען, אז אויך פאר דעם דאזיגען צוועק נויטיגט מען זיך אין „פעסטע פיס". און אויך דאס איז אב-העניג פונ'ם פונדאמענט און אהן דעם יסוד פון „קרן-היסוד" הכנסה, מארגען און פאליטיק אויך איבערמארגען, קען נארנישט זיין...

* * *

און נאך א יוד האט פרעגן נאציא-נאלער בעזונדערס: האט דען אונזער אר-בייט וועלכע עס איז תכלית אין ערדער תכלות און וועלכע שווערע טעג, ווען „אין קורא בצדק ואין נשפט באמונה", ביצי צפעוני בקעו וקורי עכביש יארגו...

און צומאל:... רגליהם לרע ירוצו וימהרו לשפוך דם נקי...

וועלען דאן קומען די ווערטער פון נביא, דער נביא פון צער און גאולה און ער וועל זיי געבען צו פערשטעהן:

„און איך וועל זיך אנטפלעקען אין ירושלים און וועל זיך פרעהען מיט מיין פאלק... און זיי וועלען בויען הייזער און וועלען זיצען, און וועלען פלאנצען וויינגערטנער, און וועלען עסען זייער פרוכט. זיי וועלען נישט בויען און פרעמדע וועלען וואוינען, זיי וועלען נישט פלאנצען און פרעמדע וועלען עסען... לא יגעו לריק ולא ילדו לבהלה, ווייל זיי זענען פון געבענשטע קינדער...

יהושע סופערסקי

נאך צעהן יאהר.

דער קרן-היסוד פערענדיגט די צעהן-יעהריגע תקופה פון ארבייט אין ארץ-ישראל און חוץ לארץ. דער גורל האט געוואלט, אז דער דאזיגער יובילעאום זאל געפאלען אין טעג פון זארג און אונטערדריקונג, אין א צייט פון פאלי-טישען שטורם, אין א צייט פון אוי-סערליכע אנגריפען און אינערליכער שוואכקייט און דען איז דער דאזיגער יובילעי א יום-טוב פאר אונז, פאר די אלע, וואס האבען געשאפען די ציוי-ניסטישע בעוועגונג און זי אויפגעבויט. עס וועלען געהערט ווערען מיינונגס-פערשיעדענ-הייטען ארום דעם פלאן פונ'ם קרן-היסוד; עס וועלען געהערט מיינונגס-פער-שידענהייטען ארום דעם שפאנען זיין ארבייט און אונטערנעהמונגען אין לאנד; עס וועלען געהערט צייטען פון שטאר-קער קריטיק און אויך זעלבסט בין געהערט צמישען די שארפסטע קריטי-קער. אבער מ'קען נישט אבלייקענען דעם פאקט, אז דער קרן היסוד האט פערגרעסערט די תנאים פאר דעם אויפבוי פון לאנד, און אויך מיר, די אנהענגער פון דער פריוואטער איני-ציאטיוו אינ'ם אויפבוי פון אונזער לאנד, האבען איינער אנערקענט, אז ווען מ'וועל נישט געהאט ווערען פאר דער ערציהונג, געזונדהייטס-וועזען און אימיגראציע, מ'וועל נישט געהאט ווער-גען פאר דער אויסבילדונג פון די אר-בייטער און זייער עקזיסטענץ און דער צייט פון ארבייטספלעצער און לאנד וועלט די פריוואטע איניציאטיוו נישט געקענט אויפטהון אין ארץ-ישראל דאס וואס זי האט אויפגעטהון.

אויסער שטעהט פאר דעם קרן היסוד א נייע אויפגאבע: אויסברייטען א וועג פאר דער איינוואנדערונג פונ'ם מיטעלשטאנד און זיין בעזעצען זיך אויף דער ערד. דאס איז זעהר א גרויסע אויפגאבע, מיט וועלכער עס וועט זיך אנפאנגען א נייע תקופה אין דעם אויפבוי פון אונזער לאנד. דאס וואס די מאסען אין גלות זענען פער-ארימט געווארען, דאס האט צוגענומען ביים מיטעלשטאנד די מעגליכקייטען זיך בעזעצען אויף דער ערד אהן דעם בעדען פונ'ם קרן קימת און אהן א הלואה פונ'ם קרן היסוד. און עס מוז אנפאנגען א גרויסע עליה פון די דא-זיגע מאסען קיין ארץ-ישראל; דאס איז א נויטווענדיגקייט אי פאר זיי, אי פאר ארץ-ישראל. אהן ארץ-ישראל וועלען די דערמאהנטע מאסען בלייבען אין גלות אין דער לופטען, אהן וועלכען עס איז עקזיסטענץ באזיס. פון דער צווייטער זייט קען דאס לאנד נישט אויפגעבויט ווערען אהן זיי. עס קען אהן זיי נישט געשאפען ווערען קיין יודישע מעהרהייט אין ארץ-ישראל. אט מיט דעם וועט זיך איצט בעשעפטיגען דער קרן-היסוד און וועט איינשרייבען א נייע קאפיטעל אין דער געשיכטע פון דער יודישער נאציאנאלער היים.

מיר געפונען זיך יעצט אונטער דעם איינדרוק פון נייע אנגריפען אויף אונזער הערץ. אבער עס איז נישטא אזא כוח אין דער וועלט, וואס זאל קענען צושטערען דעם נעבעדרע - פונדאמענט וועלכען מיר האבען געלעגט אין ארץ-ישראל, הויפטזעכליך פאר די לעצטע צעהן יאהר. א רעגירונג קומט און א רעגירונג געהט אוועק, אבער די האפ-נונג פון א פאלק איז אייביג. דאס יו-דישע פאלק וועט נישט אונטערגעהן און זיין האפנונג און צוקונפט וועלען פערבונדען נאר מיט ארץ-ישראל. ער וועט פארזעצען צו בויען זיין לאנד, נישט קוקענדיג אויף אלע שוועריגקיי-טען און דערצייל וועלען די שלעכטע טעג אויך פעראיבער. אויף די ערשטע גרונדשטיינער, וואס מיר האבען גע-לעגט אין אונזער לאנד, וועט זיך בויען א שורה נאך א שורה. עס וועט נאך זיין—און דער נעהנטער צוקונפט—א מאסען - אימיגראציע און דער קרן-היסוד וועט די דאזיגע איינוואנדערונג בעגלייטען אויף דעם וועג פון ארבייט און שאפען פאר דעם ווידעראויפבוי פון אונזער אלט נייעם היימלאנד, וועלכער וועט אויף אייביג בלייבען „ארץ-ישראל".

יוד! ווילסטו, אז דיין היים
זאל אויפגעבויט ווערען?
צאהל פאר'ן „קרן היסוד"!

שטיצט דעם נאציאנאלען „קרן היסוד".
פאלקס - פאנד

די בעדײַטונג פֿון דער דערגענצונגס-שולע און דאָס שליסען די קאָנטראַקטען פֿון די לערן-יונגלעך.

ווי בעוואוסט עגזיסטירען בײַ אונז שוין זײַט איניגע יאָהר קורסען פֿאַר לערן-יונגלעך בײַ דער האנדווערקער-שולע, מיט דער ענטשטעהונג פֿון אינ-דוסטריע-געזעץ זענען די דאָזיגע קור-סען געוואָרען פֿערוואנדעלט אין צוואנגס שולען בעקומענדיג מלוכה-רעכט, עס איז אָבעריג אָנצוווײַזען אויף זייער בע-דײַטונג פֿאַר די לערן - יונגלעך וואָס ענדיגען די שולע מיט א ספּעציעלע בעשײַניגונג.

עס איז נור די צרה וואָס צוליעב מאנגעל אין פּלאַץ איז די שולע נישט אימשטאנד אַרײַנצונעמען אלע לערן-יונגלעך, וואָס זענען בעשעפֿטיגט בײַ בעלי - מלאכות. לויט דער לעצטער סטאטיסטיק זענען בײַ אונז אין שטאָט בעשעפֿטיגט ביז 800 לערן - יונגלעך, און די שולע בעזוכען נאָר 400 לערן-יונגלעך, דאָס איז נאַטירליך א גרויסע עולה וואָס ווערט בעגאנגען לגבי די יעניגע וואָס האָבען נישט די מעגליכ-קײַט די שולע צו בעזוכען. טאָג-טעג-ליך ווענדען זיך מאסען צעהנדליגער לערן-יונגלעך וואָס ווילען זיך פֿער-שרײַבען אין דער דאָזיגער שולע אָבער צום גרעסטען בעדויער קענען מיר נישט נאָכקומען זייער בקשה.

עס ליגט דער חוב הן אויפ'ן בעל-מלאכה, הן אויפ'ן לערן-יונגעל, וועל-כע זענען לויט'ן געזעץ אָנגעזאָגט צוזאמען-געבינדען, אז זיי מוזען נאָרמאל בע-זוכען און פֿאָרענדיגען די שולע. די בעלי-מלאכות וואָס ווילען זיך נישט צופּאסען צום געזעץ און מסכם מיט'ן §22 פֿון טערמינאציאָן-פֿאַרשריפֿטען, וועלען ווערען בעשטראָפֿט אדמיניס-טראַטיוו, לויט'ן פּראָטאָקאָל 26 פֿון גע-זעץ ביז 1000 זל. געלד-שטראָף און ביז 14 טאָג אַרעסט.

די דאָזיגע שטראָף ווערט מיט דער גאנצער שאַרפֿקייט אָנגעווענדעט ווע-רען:

1) פֿאַר אָננעמען דורך די דיפּלאָ-מירטע מײַסטערס לערן-יונגלעך, וועל-כע זענען יונגער פֿון 15 יאָהר.

2) פֿאַר נישט שליסען קײַן אָפּמאַ-כען מיט לערן-יונגלעך נאָך א 4 וואָ-כענדיגער פּרובע.

3) פֿאַר אָננעמען לערן - יונגלעך, וועלכע האָבען נישט געענדיגט די פֿאָלקס-שולע.

4) צונעמען און בעפֿרײַען לערן-יונגלעך איז נאָר ערלויבט אין דער צײַט פֿון שול-יאָהר, און די מאָנאטען ליפּיעץ—שערפּיען.

זעהר פֿיעל איז געוואָרען אָרויסגע-דערט אויף פֿערזאמלונגען וועגען דער נויטווענדיגקײַט צו שליסען קאָנטראַק-טען מיט די לערן-יונגלעך ביז דעם 15.XII.1930.

וואָרום לויט א פֿעראָרדנונג פֿון האנדעלס-מיניסטעריום פֿון 23.9.30 L.P.D. 2824 ווערט בעמערקט, אז די אלע לערן יונגלעך און עלטער פֿון 15 יאָהר, וועלכע האָבען געשלאָסען אָפּמאַכען מיט די מײַסטער, וואָס זע-נען בײַ'ן הײַנטיגען טאָג נישט קײַן דיפּלאָמירטע מײַסטערס — דאַרפֿען זײַ דאָס רעכט צו פֿאָרענדיגען די לעה-רע און שטעלען זיך צום געזעלען-עקזאמען.

דאָס איז געווען זעהר א וויכטיגע הנחה מצד פֿאַר נישט דיפּלאָמירטע מײַסטער, סײַ פֿאַר די לערן - יונגלעך. לײַדער אָבער האָט א גאנץ קלײַנע צאָהל יודישע נישט דיפּלאָמירטע מײַס-טערס געשלאָסען אָפּמאַכען מיט די לערן-יונגלעך פֿאַר דעם איבערגעגע-מאנטען טערמין.

די פֿערנאכלעסיגונגע האנדווערקער וועלען דאָס אוּמזיסט זעהר בעדויערען, ווײַל אין די נאָהנסטע טעג ווערט די מאכט בעזוכען די מײַסטערס און אויסנוצען די איבערגעגעבענע שטראָף.

אז דעם דאָזיגען געזעץ נעמט מען דאָס אַמאָל מעהר שאַרפֿער פֿאַרמען און געגוג אָנצוווײַזען אויפֿ'ן לעצטען צירקולאַר פֿון קראָקאָווער קוראַטאָריום פֿון .r 15|XII L. III 8260/30. וואָס שטיצט זיך אויף דער פֿעראָרדנונג פֿון האנדעלס-און אינדוסטריע-מיניסטעריום Dz. U. R. P. № 118 poz. 1015 14.XII|1927, וועלכע לויטעט, אז א לערן - יונגעל וואָס וועט פֿולשטענדיג ענדיגען די דערגענצונגס - שולע און וועט אַרבײַטען בײַ א בעל-מלאכה וואָס וועט נישט זײַן קײַן דיפּלאָמירטער מײַסטער וועט ער נישט ווערען צוגע-לאָזט צום געזעלען-עקזאמען.

הן מען זעהט לעגט דער בעל-מלא-כה אונטער א קאָנטראָל פֿון דער מאכט וועלכע גיט פֿון צײַט צו צײַט אַרויס פֿערשידענע פֿעראָרדנונגען, דאַרף זיך דעריבער יעדער בעל-מלאכה בעמיהען צוצופּאסען צו זיי, כדי ער זאָל און דער צוקונפֿט נישט אָנטרעפֿען אויף קײַן שוועריגקײַטען.

א. ווינער.

די אלגעמיינע פֿערזאַמלונג פֿון לאָקאטאָרען - פֿעראײַן.

זונטאג, דעם 25 ד. ח. איז פֿאָרגע-קומען און לאָקאל פֿון די פּוילישע האנדווערקער די אלגעמיינע פֿערזאמ-לונג פֿון דער געזעלשאפֿט.

די פֿערזאמלונג האָט געעפֿענט דער פּרעזעס פֿון דער געזעלשאפֿט ה' פּ. פֿאָנעלבוים, געבענדיג א קורצע גע-שיכטע פֿון דער געזעלשאפֿט, און פֿערלויף פֿון איהר 10-יעהריגער עק-זיסטענץ, ווײַל דעם 26|I איז געוואָרען 10 יאָהר זינט ס'איז פֿאָרגעקומען די ערשטע גרינדונגס-פֿערזאמלונג, און די ערשטע יאָהרען פֿון איהר עקזיסטענץ האָט דער פֿעראײַן געצעהלט עטליכע צוויינציג מיטגלידער, הײַנט האָט דער פֿעראײַן ביז 170 מיטגלידער, וואָס עס איז בײַ א צאָהל פֿון 30,000 לאָקאטאָרען אונבעדײַטענד ווייניג.

אין פּרעזידיום זענען געוואָרען אויס-געוועהלט די הערען: מישיאראָווסקי אלס פֿאָרזיצער, מ. ש. קאָהן און ניע-דזיאַלקאָווסקי אלס בײַזיצענדע און אלס סעקרעטאַר ה' סטאַניסלאַוו ווינ-רויך.

דאָס ערשטע וואָרט האָט בעקומען דער בײַ יעצטיגער פּרעזעס ה' פֿאָ-נעלבוים, וועלכער ערקלערט, אז די אויפֿזוכטס - מאַכט האָט שוין עטליכע מאָל געוואָלט שליסען די געזעלשאַפֿט פֿאַר נישט בעלײַגען קײַן בעריכטען פֿון דער טעטיגקײַט און פֿערלויף פֿון 4 יאָהר, עס האָבען נישט נעהאָלפֿען אלע אויפֿרופֿען פֿון דער געזעלשאַפֿט און צו די פֿערזאמלונגען און מיטונגען זענען געקומען ביז 20 פּערזאָן, וואָס עס האָט נישט בעראַכטיגט צו פֿיהרען קײַן פֿערזאמלונגען, הײַנט איז די ער-שטע עטוואָס גרעסערע פֿערזאמלונג, וועלכע צעהלט 70 פּערזאָן. צום פֿער-אײַן קענען געהערען אלע לאָקאטאָרען אָהן אויסנאהם און געגענזאץ צו די הויז-אייגנער, וועלכע האָבען צוויי פֿער-אײַנען א פּוילישען און יודישען.

נישט קוקענדיג אויף דער אפּאַטיע וואָס האָט געהערשט, איז דער פֿער-אײַן שטענדיג געשטאנען אויף דער וואַך פֿון די לאָקאטאָרען אינטערעסען. ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען בעשטײַערען די לאָקאטאָרען מיט 20% פֿאַר קאַנאַליזאַציע און וואַסער ; און אויך יעצט ווען עס איז געווען א פּראָ-יעקט וועגען העכערען דאָס דירה-געלד ביז 172 פּראָצענט האָט זיך די פֿערוואַלטונג געווענדעט מיט א פּראָ-טעסט צום פּרעזעס פֿון מיניסטערען-ראַט, אינערען-מיניסטער, און מיניס-טעריום פֿון פֿאָלקס-אַרבײַט. דעם 27|XII ה. י. האָט די פֿערוואַלטונג בעקומען א ענטפֿער פֿון דער קאַנצעלאַריע פֿון פּרעזעס פֿון מיניסטעראַט - ראַט פֿון 23/12 1930 נר. 20980, אז אין יעצטיגען מאָמענט איז נישט פֿאָראויס-געזעהען א העכערונג פֿון דירה-געלד.

די פֿערזאמלונג האָט גענומען צו קענטניש דעם בעריכט פֿון פּרעזעס און און נאָמען פֿון די אנוועזענדע האָט געדאַנקט דער פֿערוואַלטונג פֿאַר איהר בײַז יעצטיגער טעטיגקײַט דער פֿאָר-זיצער פֿון דער פֿערזאמלונג ה' מיש-יאַראָווסקי, אויך איז בעשטעטיגט גע-וואָרען דער בודזשעט און דער הויך פֿון 2.200 זל. אײַנשרײַב - געלד 1 זל. און מיטגלידס-אָפּצאָהל 50 גר. מאָ-נאַטליך, כדי צו געבען די מעגליכקײַט דאָס אלע לאָקאטאָרען פֿון אונזער שטאָט קענען געהערען צום פֿעראײַן.

דער ה' מאָרענצו ווײַנבערג האָט אַרײַנגעטראָגען א פֿאָרשלאג, אז די צוקונפֿטיגע פֿערוואַלטונג זאָל זיך ווענ-דען צו די מלוכה-אָרגאַנען, דאָס מען זאָל בעלאַסטען די היפּאָטעקען פֿון די הויז-בעזיצער אויף א סומע פֿון 2½ מיליאָן זל. וואָס עס וועט ערשט זײַן די העלפֿט פֿון דעם פּרעזענט וואָס די רעגירונג האָט געמאַכט די הויז - אײַ-גענטימער בײַ דער רעוואַלוציע אין צוזאַמענהאַנג מיט די בעלאַסטעטע היפּאָטעקען. די געשאַפֿענע פֿונד זאָל געהן אויף בויען וואוינונגס-הײַזער און נישט אויף פּלעצער און רעגירונגס-געבײַדעס.

דער צווייטער פֿאָרשלאג איז געקומען פֿון ה' מושאל, אז מען זאָל שאַפֿען בײַם לאָקאטאָרען-פֿעראײַן א בוי-קאָאָ-פּעראַטיוו. דער רעפֿערענט גלויבט דעם אַז קאָאָפּעראַטיוו קען געשאַפֿט ווערען און קען האָבען א גרויסען ער-פֿאָלג בײַ דער מיטהילף פֿון דער רע-גירונג.

לויט די אלטע סטאַטוטען איז גע-וועהלט געוואָרען א פֿערוואַלטונג פֿון 15 פּערזאָן אויף 3 יאָהר.

אין דער פֿערוואַלטונג זענען געווע-לען אויסגעוועהלט פֿאָלגענדע פּערזאָ-נען: מושאל אַבאַם, פֿאָנעלבוים מע-נדל, ווײַנבערג מאָריצו, מישיאַראָוו-סקי מאַריאַן, עפּשטײַן מאָריצו, ווײַנ-בוים דוד, בראָניאַטאָווסקי אַרטור, יאַ-רושעמבינסקי סטעפֿאַן, פּינקוס סטאַ-ניסלאַוו, גיעלעצקי פֿראַנציזשעק, וואָט-שיק סטאַניסלאַוו, געם לודוויק, צווייטער זונטאג, מיענטקיעוויטש אַנזעלם און ראַטאַנסקי וולאַדיסלאַוו.

רעוויזיאָנס-קאָמיסיע: קראַק יאַקוב, בודענגאַ יאַן, ראָזענבלום הערמאַן, מאַשעווסקי שטעפֿאַן און וויערניק הער-מאַן.

רעזיערווע - קאָמיסיע: באַלאַבאַנאָוו-לעון, בראָניאַטאָווסקי אַרטור, פֿאָנעל-בוים מענדל, קאָהן מאַרקוס, קאַץ יוסף, מושאל אַבאַם, גיעמיראָווסקי שמואל, דר. פּרושיצקי סטאַניסלאַוו, פּראַפּאָרט ראַפֿאַעל, ריזשעווסקי מיע-טשיסלאַוו, שענפֿעלד אַברהם אליעזר, שטולער זיגמונט, טענענבוים פּרץ, חענצלאָווסקי יוזעף און ווײַנטרויב אַהרן.

ס. ק.

אלגעמיינע פֿערזאַמלונג פֿון „גמילות חסד".

זונטאג 5 א זײַגער אָוונט איז אין אײַגענעם לאָקאל פּילסודסקי 27, פֿאָר-געקומען די 7-טע יעהרליכע אלגע-מיינע פֿערזאמלונג פֿון דער אויבענ-דערמאָנטער געזעלשאַפֿט.

בײַ דער אָנוועזענהײַט פֿון לערך 60 פּערזאָן עפֿענט די פֿערזאמלונג דער פּרעזעס ה' מ. נאַסטינסקי, וועלכער פֿערבעט אלס פֿאָרזיצענדער דעם ה' מ. גליקסמאַן און אלס בײַזיצענדע די ה"ה מ. דיאַמאַנד און י. טענענבוים. מצד דער „דאַגראַטשונגשאַפֿט" איז פֿערטרעטען דער ה' לעאָן סויקאַ.

דעם בילאַנס און טעטיגקײַטס-בע-ריכט לייגט ה' ל. קאַפּינסקי און ווי עס ווײַזט זיך אַרויס צעהלט די גע-זעלשאַפֿט 515 מיטגלידער, די פֿער-וואַלטונג האָט אָבגעהאַלטען 45 זיצונ-גען און די רעוויזיאָנס-קאָמיסיע 2 זי-צונגען, עס זענען אַרויסגעגעבען גע-וואָרען 618 הלוואות אויף דער אלגע-מיינער סומע פֿון 30,387 זל.

דער בילאַנס און דער בעריכט ווע-רען דורך אלע אָנוועזענדע גענומען צו קענטניש. דער בעריכט ווערט ער-גענצט דורך דעם פֿערוואַלטונגס-מיט-גליעד ה' טשאַרנע, וועלכער גיט א ערקלערונגען צום בעריכט.

דאַן גיט פּרעזעס נאַסטינסקי אָב א פּראָגראַמאַטישען בעריכט וועגען דער ענטשטעהונג פֿון דער געזעלשאַפֿט און אלע ענטוויקלונגס-פֿאַזען.

עס איז צו בעוואונדערען די אַרבײַט פֿון דער געזעלשאַפֿט נעהמענדיג אין בעטראַכט דעם שרעקליכען קריזיס און נויט וועלכע בושעהען אזוי גרויסע

געהערט און געזעהן.

א מלחמה צווישען „קאָזאַקען"

די מעשה וואָס איך דערצעהל אײַך איז נישט פֿאָרגעקומען אין רוסלאַנד, וואו די קאָזאַקען וואוינען.

די מלחמה איז פֿאָרגעקומען יענע וואָך שבת פּרשת בא אין ראַדאָמסקער שטיבעל אין אלטען מאַרק 8, צווישען יודישע „קאָזאַקען".

דאָרט פֿיהרט זיך שוין אַ'אַלטע מחלוקה וועגען נבאות און א בעל-קורא, מן געוועהנליך אין אזא פֿאַל שטופּען זיך צרדום.

דעם לעצטען שבת איז אָבער די שטילע מחלוקה, וואָס האָט זיך גע-מלוּעט א לאַנגע צײַט, אויסגעבראָכען און עס זענען געפֿלויגען פֿעטש ווי האָגעל.

מען דאַווענט אָב שחרית, מען נעמט אַרויס דאָס ספר צו לײַענען און עס פֿאַלט דער ערשטער קריעגס-געשרײַ: אַוועק פֿון ספר! אויף וואָס עס הערט זיך אָנ'ענטפֿער: ער וועט נישט זײַן קײַן בעל-קורא. דערווײַל כאַפּט מען דאָס ספר אַוועק פֿון שלחן און מען פּראַנט עס איבער אויפ'ן צווײַטען טיש, און אַנדערע מען קוקט זיך אום הילכען אָב פֿעטש.

דעם אמת'ן פּאַטש האָט אָבער גע-געבען אונזער אלט-בעקאַנטער דאָזשער ר' מיכל-לײַב, וועלכער איז געקומען אלס גאַסט שחרים אויף שבת און ער האָט אַרײַנגעלאָזט א הילכיגען פּאַטש דעם ה' לאַסקער וואָס האָט פֿאַר גרויס צומישונג געענטפֿערט נור מיט אַבן פּאַטש.

דאַן האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה רלנז, אין די בעוויוסטע דערדיע ווינ זו ר

ר' מיכל לײַב א גאַנצען שבת נישט אויס פֿײַן דברי-חול, האָט ער ממילא געזווידעלט אויף לשון-קודש בענוצענדיג די „פּערזיל": עוכר ישראל, משומד להכעיס, בן הנדה א. ז. וו. היות אבער הן עס האָט אָנהם אויסגעפֿעלט ווער-טער האָט ער גענומען ווידלען אויף פּראָסט יודיש. דאַן איז שוין דער עולם אַרויס פֿון די כלים און האָבען אויפֿמערקזאַם געמאַכט ר' מיכל לײַב'ן אז ער האָט זיך אזוי צוכעס'ט, אז ער איז שוין אַרויס פֿון די גרעניצען (בא לידי כעס בא לידי טעות) און האָט פֿערשוועכט דעם הײַליגען שבת מיט א יודיש וואָרט. ערשט דאַמאַלס האָט ער זיך בערוהיגט...

מן אַוודאי וועהט דאַרף מען נישט בעשרײַבען די מעשים תעתועים פֿון די קלײַנשטעדטעלדיגע יודען, וואָס מיר קענען דאָס פֿערצײַכנען בײַ אונז אין אונזער גרויסער שטאָדט.

עס איז געווען א פֿאָרמאַטירטע מלחמה צווישען (יודישע) קאָזאַקען.

די תורה האָט איבערגענומען עשו.

אויס מיט די אתה-בחרתנו'ניקעס, געגנוג דרײַ טויזענד יאָהר זיך געהאַל-טען מיט דער תורה, עס איז שוין די העכסטע צײַט, אז יעקב זאָל איבער-געבען די תורה עשו'ן.

אזוי, ווײַזט זיך אויס, האָט בע-שלאָסען די קרוזעפּיצער יודישע קהלה.

די יודישע קהלה און קרוזעפּיץ האָט געהאַט אין איהר בעזיץ 11 ספרי-תורות, מיט וועלכע זי האָט זיך גרויס געהאַלטען פֿאַר אלע פֿעלקער, אז אויך זי געהער צו די אתה בחרתנו.

לעצטענ'ס אָבער, ווײַזט אויס, איז זײַ דער עסק מיאוס געוואָרען און יע-נע וואָך איז פֿאָרגעקומען דער פֿײַער-ליכער אַקט פֿון איבערגעבען די תורה עשו'ן.

עס איז פֿאָרגעקומען א ליציטאַציע פֿון 11 ספרי-תורות און עס האָט זיי אָנגעקויפֿט א קריסט.

די קרוזעפּיצער יודען זאָגען, אז דרײַ טויזענד יאָהר איז גענוג און זיי האָ-בען אָפּגעגעבען עשו'ן.

דאָס בלויקײַט פֿון די קינדערשע אײַגעלעך.

עס קומט פֿאַר א שול-אַקציע פֿון די יודישע פֿאָלקס-שולען.

איך וויל איצט נישט רעדען וועגען מהות און אײַנגעלמליכען ווערט פֿון די דאָזיגע שולען. מיר געהט וועגען די קינדערלעך גופֿא.

איך בין געווען אויף א קאָנצערט-מיטינג, ווען א שלוח פֿון די שולען האָט גערעדט וועגען די קינדערלעך און זייערע בלויע אײַגעלעך. יעדעס קינד האָט, לויט ווי עס וואָגט דער וועלט, בײַם געבוירען ווערען בלויע אײַגעלעך: די יודישע קינדערלעך ווערען אויך געבוירען מיט בלויע אויגעלעך, נור זייערע אויגען ווערען שפּעטער נישט בלוי און נישט שוואַרץ נאָר גרוי. זיי ווערען גרוי פֿון די צרות, וואָס זיי שטעהען אויס יונגערהייד פֿאַר די יו-דישע קינדער גאָלד בײַ זייער געבוי-רען ווערען.

שפּעטער האָב איך געזעהען דוועל-בע קינדערלעך געהערט געבען א מאַנדאָלין-קאָנצערט אונטער דער אָנ-פֿיהרונג פֿון מאַלאַכאָווסקין דיריגענט ה' זאַקס, שפּילענדיג א גאַנצע רײַהע פֿאָלקס-לידעלעך.

מיר איז געווען אזא פֿעהלער, אזא שאָד, און איך האָב זיך געפֿרעגט פֿאַר-וואָס וועלען אונזערע קינדערלעך זײַן אזוי געשטראָפֿט, אז בײַ זיי זאָל פֿער-שוואונדען ווערען דאָס בלויקײַט פֿון זייערע קינדערשע ליכטיגע אויגעלעך.

זיי האָבען איהם נישט אַרײַנגעלאָזט

פֿערגאַנגענעם זונטאָג האָט געזאָלט קומען קײַן טשענסטאָכאָוו דער ציוניס-טישער מנהיג ד"ר נאַטליב און האַל-טען א רעפֿעראַט.

איך האָב געוואָלט הערען א רעפֿע-ראַט פֿון דעם גלענצענדען רעדנער ד"ר נאַטליב, וואָס ער האָט צו זאָגען וועגען דעם איצטיגען קריזיס אין א"י און וואָס איז דער אויסוועג.

פּלוצים ווער איך געוואויר, אז מען האָט איהם נישט אַרײַנגעלאָזט קײַן טשענסטאָכאָוו. ווער האָט איהם נישט אַרײַנגעלאָזט? בונדיסטען? נאָר באַלד בין איך געוואויר געוואָרען, אז דעם ד"ר נאַטליב האָבען נישט אַרײַנגע-לאָזט זײַנע אײַגענע חברים—ציוניס-טען.

אמת, איך האָב געוואונדערט זיך אויך איך האָב זיך געוואונדערט, וואָרום מײַן מח האָט דאָס גאָרנישט געקענט פֿער-שטעהן, נאָר פֿונדעסטוועגען האָט עס מיר אָנ'אָנפֿיהרער פֿון דער ציוניס-טישער אָרגאַניזאַציע געגעבען צו ער-קלערען אָט אזוי:

אין דער פֿערוואַלטונג פֿון דער היגער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבען די על-המש-מרניקעס א מעהרהײַט און היות ווי ד"ר נאַטליב איז אָנפֿיהרער פֿון דער פֿראַקציע „עת-לבנות", וואָס האַלט אז וועגען ארץ-ישראל דאַרף מען נישט אזוי פֿיעל רעדען, נור טהון און בויען, דערפֿאַר הײַסט עס עת-לבנות, (א צײַט פֿון בויען) און היות ווי די היגע ציוניסטען האַלטען מעהר פֿון רעדען, ווי פֿון טהון, דערוועגער האָבען זיי דעם פֿערשטעהער פֿון טהון און בויען נישט אַרײַנגעלאָזט, מורא האָבענדיג אז די היגע יודען הערענדיג זײַן רעפֿעראַט וועלען בעקומען חשק צו בויען.

עס איז אפֿשר א פּאַראַדאָקס, אָבער אזוי איז עס. ווײַ, די ציוניסטען האָ-בען געשטערט דעם ד"ר נאַטליב, אז ער זאָל קומען קײַן טשענסטאָכאָוו.

ווער האָט רעכט?

אין דער האנדווערקער - שולע איז אויסגעבראָכען א שטרײַק פֿון די לעה-רער, וואָס לערנען אויף די אָווענד-קורסען מיט די לערן-יונגלעך.

איך וויל נישט בערוהרען די פֿראַ-גע און דײַן-פּראָפֿעסיאָנעלען שטאַנד-פּונקט ווער עס האָט רעכט. אײַן זאַך וויל איך נאָר בעטאָנען, אז געמענדיג אין אכט די הײַנטיגע סיטואַציע, האָט מען צוליעב דער דאָזיגער „נאַרישקײַט" נישט גענדאַרפֿט אַרויס מיט א שטרײַק.

מיר איז אויסגעקומען צופֿעליג צו זײַן אויף א שול-אַקציע פֿון די לעה-רער פֿון דער פֿאָלקס-שולע און דאָס פֿאַר א מײַנונג מען זאָל נישט האָבען וועגען דער שולע, מוז מען אָבער בע-וואונדערען זייער אורדענלים, ווי חונ-גערען און אַנטלויפֿען נישט, און די דאָזיגע לעהרער צוליעב דער קלענס-טער רעדוקציע פֿון די שעה'ן שטרײַ-קען זיי.

גײַן מײַנע ליבע לעהרער, מען דאַרף זיך גוט פֿערטראַכטען אײדער מען מהוט אָב אזא זאַך, וואָס ברענגט שאַ-דען דעם צוקונפֿטיגען דור און אונבער-הויפּט פֿאַר די צוקונפֿטיגע בעלי-מלאכות דעם פּראָדוקטיווסטען טײל פֿונ'ם יו-דישען פֿאָלק.

לעהרער, אדרבא זאָגט איהר ווער ס'האָט רעכט?

איקס.

אויף דער יודישער גאס. דאך איז די פארהאלטונג יערען אוהילף געקומען אין די ראתסען פון איהרע מעגליכקייטען. און די געזעלשאפט קען זיין שטאלץ פון דעם וואס זי האט אויפגעטהון און האט פאר א פערזאנען זי האט געראטעוועט פון פערצווייפעלטע שריט... — מענשען וועלכע האבען אמאל געשפיעלט א בעדייטענדע ראָל אין פילאנטראפיש - געזעלשאפטליכען לעבען.

ער אפעלירט דעריבער צו די אנוועזענדע אז זיי זאלען ווערבירען וואס מעהר מיטגלידער, וואס איז דער יסוד און עקזיסטענץ פון דער געזעלשאפט.

די געזעלשאפט האט קיין פערלוסטען נישט געליטען און עס זענען שוין יא געווען אזעלכע, האט עס די פערוואלטונג באלד געדעקט.

ער דרוקט אויך אויס אינ'ם נאמען פון דער געזעלשאפט א הארציגען דאנק דעם גבאי ה' שלמה סולמאן פאר זיין סיטואַציע.

ער מאכט אויך א בעמערקונג דאס אויף א סומע פון 10,184,15, געפונען זיך 395 זל. פראָטעסטען.

עס ענטוויקעלט זיך דאן א דיסקוסיע און וועלכער עס נעמען אנטייל די ח"ח י. סילמאן, טשענסטאכאווסקי, העלגרין, גאסטינסקי, טשארני, דייטשער און גליקסמאן.

עס ווערט דאן אויסגעדריקט דער פערוואלטונג א'איינשטימיגע אבסאלוטאריום.

אין דער פערוואלטונג געהען אריין די ה"ה: פרוקס ה. גאסאינסקי, א. פראספיראווסקי, י. ל. שהאמלי, ה. לעהעק, י. האָרמונג און ש. מיטעלקעהויס.

אין דער רעוויזיאנס קאמיסיע די ה"ה: ז. ראבזשינסקי, ב. באטאטשעוויטש, גליקסמאן און געהערצמאן.

מיט דעם ווערט די פערזאמלונג געשלאסען. ל. ק.

ווינקולאציעס.

פון די באנק - קרייזען און בתי-מסחר ווערט איז לעצטענס דאס ווארט ווינקולאציעס געווארען זעהר פאפולער אזוי ווי די ווערטער דיסקאנטא, אינקאסע וכדומה. איך גלויב אבער אז עס זענען נאך פאראינען מענשען וועלכע ווייסען נישט גענוי די בעדייטונג פון דעם, און דעריבער וויל איך דאס עטוואס אויפקלערען.

ווען איינער קויפט סחורה ביי א פאבריקאנט אדער ביי א גרעסערען סוחר, וועלכער וויל אבער נישט ריזיקירען די סומע וואס די סחורה בעטרעפט, שיקט ער ארויס די סחורה אונז'ן נאמען פון א באנק אויף א טערמין פון עטליכע מאנאטען, און די באנק וועלכע גיט ארויס דעם קונה די סחורה אפען, אדער געגען וועקסלען, איז פאר דעם ארויסשיקער פעראנטווארטליך פאר דער גאנצער סומע.

אויב עס ווערט למשל ארויסגעשיקט סחורה אויף א סומע פון 5000 זל. איז זי דורכדעם פעראנטווארטליך אויף די גאנצע 5000 זל. אין דער צייט ווען דער סוחר אדער פאבריקאנט וועלכער פאַרדינט 15 אדער 20 פראָצ. וויל נישט ריזיקירען מיט דער סומע, ווייל דאס די באנק פאר אזא סיגנאלען פארדינט ווען ½ פראָצענט, ווייל זי לעגט אין דעם געשעפט אריין בלויז איהר גאראנטיע.

צוליעב דעם לעצטען שרעקליכען קריזיס אבער האט שוין געטראָפען אז די רוזינע בענק האבען שוין ביי די ווינקולאציעס פערלוירען אונגעהויערע סומעס, און די קונים האבען נישט באנקראָטירט דעם סוחר אדער דעם פאבריקאנט נאר דער באנק, דער רעוויזיאנס - פארבאנד איינגעהענדיג די ג־ווסע געפאהר וואס עס דראָהט די בענק צוליעב דער דאָזיגער לאגע האט דאריבער פערבאָטען די קאאפעראטיווע בענק צו מאכען וועלכע ס'איז ווינקולאציעס, וועלכע קענען בעדראָהען זייער עקזיסטענץ.

די מיטגלידער דאַ־מען זיך דאריבער נישט וואונדערן פארוואס די קאאפעראטיווע בענק נעמען נישט אָן קיין ווינקולאציעס, ווייל זיי זענען, ווערט דאס געטהון כדי אבצוהיטען די עקזיסטענץ און די קרעדיט-פעהיגקייט פון די בענק, וועלכע קענען אין די איצטיגע צייטען דורך די ווינקולאציעס געפיהרט ווערען צום אונטערגאנג.

צום בעדויערען זענען פאראנען פריוואטע בענק וועלכע רופען זיך אויך קאאפעראטיווע, און זיי נעמען אויך ווינקולאציעס. דאס איז דערפאר וואס זיי זענען נאר פעראנטווארטליך מיט זייערע פאר מויזעיד ולאטעם אקציע-קאפיטאל, און זיי קענען זיך דערלויבען צו ריזיקירען מיט פרעמדע געלדער, ווייל זיי געפינען זיך אויך נישט אונטער דער אויפזיכט פון רעוויזיאנס-פארבאנד, ווארום דער לעטצטע־גער רעוויזיאנס - פארבאנד וועלכער האט דאס אין איהרע נרינגעשטעצט האט זיך שוין ארומגעזעהען ווענען דיזער געפאהר און האט לעצטענס אויסגעשלאסען אזעלכע 112 בענק (זעה דעם „קאאפעראטאר" נום. 1931) וועלכע האבען זיך נישט געהאלט אונטערווארפען די פאר־שריפטען פון רעוויזיאנס-פארבאנד.

דער דאָזיגער מהאט דארף בעגריסט ווערען ווייל ער האט מיטהעלפען נעוונד צו מאכען דאס קאאפעראטיווע באנק - וועזען לטובת די מיטגלידער וועלכע בענוצען זיך אזוי שטארק אין זייער עקזיסטענץ.

ש. ניעמיראָווסקי.

העמאָראָידען, זשיראַקעס היילט מיט א גוטען רעזולטאט העמאָראָידאַל - ראַווסקי אין געשטאלט פון טראָפען'ס און טשאָפקעס. הויפט - לאגער: מאגיסטער י. ראַווסקי אפטייק, װארשע, מאַריאנסקא 12.

פרעסע-רינג לטובת דעם קרן החלוץ.

פעליקס שפירא ענטפערט 5 זל. און רופט ארויס לודוויג לעווקאוויטש.

מאיר שיפענאוויטש 3 זל. און רופט יעקב יאקובאוויטש.

יוסף ארבאך ענטפערט 2 זל. און רופט ג. טשטשופאק, וואלף רייכמאן, מטעק ווייצבערג, ל. שלעזינגער.

ש. גאסטינסקי 2 זל. און רופט איגוש. א. בראניסלאווסקי, איגוש. העכמאן.

ש. ד. וועלטער 2 זל. און רופט י. זשושינסקי, דוד געהערצמאן, עסטושא מאסטענאוויטש.

אהרן ווארשאווסקי 2 זל. און רופט מנחם רעזענשטיין, יוסף גאלדשטיין, דוד גאלדשטיין, אברהם פיק און בלומענקראנץ.

י. דאנציגער ענטפערט 2 זל. און רופט יעקב קומשינסקי, יעקב רעזינער, ווארשאווער.

י. יורקעוויטש 2 זל. און רופט אברהם ביםקע, ל. גאנשאראוויטש, אידא סקאווראן.

ב. ווייגבערג 2 זל. און רופט א. אבראמאוויטש, יוסף שלעזינגער ד"ר אירשבערג

זלמן געלבער 2 זל און רופט נתן זלאטניק יעקב רוזעטק, ישראל מיבערג,

יוסף שווארץ 2 זל און רופט ארויס נתן בערגרליק, גרשון לאנדוי.

ל. קאפינסקי 2 זל. און רופט אסתר פרעקעס, לוסקע שומכער, צחה איצקאוויטש, אלבאגדר יורבורסקי, איזידאר נירענבערג, ישראל טשארני.

זיגמונד גלעזיצקי 2 זל. און רופט ג. וואקסבערג, ש. כהן און אברהם שצעקעץ.

לעאן קליין 2 זל. און רופט דוד יאקובאוויטש און משה ווערשליקאוויטש.

פליגענבוים יצחק 2 זל. און רופט ארויס מ. דעברויגסקי, א. פרידמאן.

אברהם אינגבוים 2 זל. און רופט ש. הייטאן.

נתן הייגבוים 2 זל. און רופט ה. הערסמאן.

שמואל ווייגשטאק 2 זל. און רופט שעיה באָנהארד.

נתן גערשאנאוויטש 2 זל. און רופט י. רוזענטאל, ש. שטרוים, ש. כאמקלאוויטש, י. עפעלבוים, ח. טומארקין, י. בערמאן, א. שווארצבוים.

ל. העלמאנד 1 זל. און רופט ש. קליין.

י. פישער 1 זל. און רופט ח. שפיגעלמאן און ל. הערשקאוויץ.

לעאן הערץ 1 זל. און רופט ראפאל פישאף, יוסף שפיצמאק און דוד קארמוש.

דוד געלרשטער 1 זל. און רופט י. אלבערט.

שמואל קאץ 1 זל. און רופט משה קעכמאן, הערשל אפטאן, יצחק וויגוניצא, לייזער דאנציגער, ש. גאלד און ישראל גרענעק.

דוד לעווקאוויטש 1 זל. און רופט פעניע שיינוועקסלער, יוריסטא הצעיר, יעקב פעגרייך שאיעק פישמאן און ג. שטיינהארד.

דעם טיעפבעטריבטען אונזער חבר און פריינד שמואל פראנק צוליעב'ן טויט פון זיין ליעבען פאטער יצחק מאיר ז"ל דריקען אויס אשר שמולעוויטש און פרוי, פישל אכטמאן און מאניא קאלין

סיום-הש"ס פייערונג.

די היגע „צעירי אגודת ישראל" פער־דעגט איין זונטאג א פייערונג צוליעב'ן פערענדיגען דאס לערנען ש"ם דורך די וואס האבען לוי'ן בעשלוס פון דער כנסיה גדולה איין היגע געלערנט

יערען טאג א בלאט גמרא דאס עס איז געווארען אין די „אגודה" קרייזען איינגעפיהרט „דף יומי".

אזעלכע פייערונגען ווערען איינגעארדנט אין אלע שטעדט דורך דער „אגודה" און ביי אונז מאכען דאס די צעירים, אין דער שטאָט-שוהל זונטאג אוועקער.

און פראגראם פון דער פייערונג געהט אריין תלמודישע רעדעס פון שטאָט-רב הרב ר' נחום אש שליט"א, דער הוגער מו"ץ הרב ר' וואלוש בארנשטיין א. אנד.

עס וועט זיינגען א כאר פון די צעירים אונטער דער אנפיהרונג פון שטאָט-חזן ה' בארש.

די פערזאמלונגען וועלען פראגען א עלט רעליגיעז-יודישען כאראקטער, און די רעליגיעזע יודען גרייטען זיך צו איהר מאסענווייז.

בעריכטיגונג.

אין פורינגען נומער פון דער „טשענסט. צייטונג" און דער אפטיילונג „וואס געהערט וואס נעזעהן" איז דערמאנט געווארען פון א הונגען סקלאר אפטיילונג און נעם מארק, וועלכער האט זיך געזעגט אויסדרוקע', אז ער וויל נישט קויפען קיין יודישע וואר ווייל זי איז יודיש. ערקלערען מיר אז לויט וויפיל מיר האבען זיך אינפארמירט איז דאס נישט אמת, דער איינגענם טער האט אזעלכע ווערטער נישט געזאגט, און מיר זענען ארייגגעפיהרט געווארען אין א טעות דורך פאלשע מענשען.

הרב ר' יהודה ליב פישמאן איז דער אלטער שוהל.

אויף דעם פארשלאג פון דעם היגען „קרן-היסוד" קאמיטעט, האט הרב ר' יהודה ליב פישמאן פון ירושלים מסכים געווען צו רעדען דעם שבת פרשת בשלח, בשעת קריאת התורה אין דער אלטער שוהל.

די גרויסע פייערונג איז דער נייער שוהל.

זונטאג דעם 1 פעברואר 5 אזייגער אוונד, וועט פארקומען אין דער נייער שוהל א גרויסע פייערונג לכבוד דעם ארץ-ישראל אויפבוי.

עס וועלען אויך ארויסטרעטען מיט

Sprostowanie

Dotyczące ogłoszenia Dr. Lewkowicza w „Częstochower Cajtung" z d. 23 stycznia № 4.

Niniejszem zaświadczam, że zatarg jaki powstał pomiędzy mną a p. Koplowiczem został zlikwidowany ku obupólnemu zadowoleniu

z poważaniem

Dr. T. LEWKOWICZ.

אויספיהרליכע רעדעס וועגען דער אויפבויאונג פון ארץ - ישראל די ה"ה: הרב ר' יהודה ליב פישמאן ארא. מ. א. הארטגלאס און ר"ר, יעקב גראָזשאלקא.

דער רעזולטאט פון די באקס-קאמפען.

שבת, דעם 27 ד. ח. זענען פארגעקומען באקס קאמפען צווישען יודישען פורן-און ספארט-פעראיין און דעם פוילישען ספארט-פעראיין אונקאָריט. די קאמפען האבען צוגעצויגען א גרויסען עולם, וועלכער האט ווארים אפלאדירט די זיגער.

אויסגעצייכענט האבען זיך: הייסבערג און בונדער 1, וועלכע האבען א סך אנגערשטיגען זייערע געגנער און זיי טאקי אויך בעזיעגט.

דער אלגעמיינער רעזולטאט איז 0:6 פאר'ן יוד. פורן און ספארט - פעראיין. ריכטער אין רינג ה' יאם—נום.

די פראפאגאנדע מאך פון יוד. פורן און ספארט פעראיין האט ארויס ערפאלג. די יודישע יוגענד האט דערהערט דעם רוף און פערשריבען זיך אין פעראיין מאסענהאפט. די פערוואלטונג האט דעריבער בעשלאסען די פראפאגאנדע-וואך צו פערלענגערען ביז דעם 8 לוטי ד. י.

אין פערלויף פון דער צייט ווערען אנגענומען איינשרייבונגען און אלע סעקציעס אין איינשרייב-געלד.

ל. ח.

דאס ארויספיהרען מיסט פון די הייזער זאל ווערען פערפאכטעט.

די טשענסטאכאווער אבטיילונג פון רויטען - קריץ, האט זיך געווענדעט צו דער היגער רעגירונגס שטאדט-פערוואלטונג מיט דעם פארשלאג ווע־גען איבערגעבען דער דאזיגער גע־זעלשאפט די אויסשליסליכע רעכט ארויסצופיהרען דעם מיסט פון די הייזער, פערשטעהט זיך, פאר א געוויסען אפצאהל.

די פראגע אלס אזעלכע האט איז ענג פערבינדען מיט דעם געזונד - צושטאנד פון דער שטאָט, איז בע־טראכט געווארען אויף א זיצונג פון דעם ביורא, וועלכער האט בעשלאסען דעם ענין איבערצוגעבען צו בע־טראכטען; א ספעציעלע קאמיסיע, וועלכע וועט נעהמען אינטערוויעווען די פארטרעטער פון רויטען קריץ, און נעמען דאצו א שטעלונג אין זין פון דער פאָ־דערונג פון די שטאָטישע אינטע־רעסען.

אין דער קאמיסיע געהען אריין די ה"ה: מ. פינקעלבוים, ד"ר נאוואק און בענעבאוויטש.

ר' יצחק מאיר פראנק ז"ל.

אין עלטער פון 63 יאהר איז געשטארבען איינער פון די פארנעהמענסטע יודען אין אונזער שטאדט, ר' יצחק מאיר פראנק ז"ל.

דער נפטר איז געווען איינער פון די ווערטפולסטע טיפען פון פריהערדי־גען דור, א זוהן פון דעם גרויסען קאצקער חסיד ר' משה אהרן, שוחט פון פרזיסטעלאס. א איינוקעל פון גרויסען צדוק ר' יעסקעלע זאלאשיצער, האט ער שטארק אפגעהיטען די טרא־דיציעס פון זיינע עלטערן.

פאר דער מלחמה האט ער געפיהרט א גאנצערע הויז. געווען א סוחר און א הויז-איינגענטימער, נאר די מלחמה האט איהם צוגעדריקט און פון דאמאלט אן האט ער זיך געמאטערט און געווארען קראנק.

ער איז געווען א קלוגער און פיעל-זייטיגער מענש און געמאלטיגער אומן יד, עס זענען איבערגעבליבען ווערט־פולע אפצים, וואס ער האט אויסגעאר־בעט מיט א גרויס פעסטקייט.

ביז די לעצטע טעג, אפילו ווען ער איז שוין קראנק געווען, האט ער עוסק געווען בתורה ועבודה.

ער איז געווען בעליעבט כמעט ביי אלע היגע יודישע שולסען, וועלכע האבען איהם געקענט, אלע האבען פאר איהם געהאט גרויס דרך-ארץ און גלייכצייטיג איהם ליעב געהאט.

זיין פריהצייטיגער טויט האט ארויס־גערופען א גרויסען טרויער צווישען זיינע פיעל פריינד און בעקאנטע, וועל־כע האבען אין גרויסע מאסען איהם בעגלייט צו זיין אייביגער רוה.

תנצב"ה.

האַלב-קורסען אין דער היגער שטאָטישער קאָמוניקאציע.

ענדליך האט דער מאגיסטראט איינ־געפיהרט א ריכטיגע פערלייכטערונגען אין דער היגער אויטאבוסען - קאָמו־ניקאציע. אזוי זענען איינגעפיהרט געווארען האלב-קורסען פאר פאסאזשי־רען, וועלכע דארפען נישט פאהרען אויפ'ן שטח פון גאנצען קורס — ווע־לען צאהלען בילעטען קאסטען בלויז 15 גראשען.

שטיצט דעם קרן-היסוד!

צוזאמענפאהר פון האנדעלס און אינדוסטריע - פרייז איז טשענסטאכאָוו

דער האנדעלס און אינדוסטריע-צוזאמענפאהר און טשענסטאכאווער וועל־כער ווערט ארגאניזירט דורך דער פאָ־סנאָוויצער האנדעלס קאמער, וועט פאר־קומען זונטאג דעם 2 פעברואר 3 א זייגער נאכמיטאג אין קאמערטאל-זאל.

דער טאג-ארדנונג זעהט אויס:

1) ערעפנונג.

2) די מעטונקען פון די האנדעלס-קאמערן בכלל און פונדער סאסנאָ־ווער קאמער בפרט—זאגט רעפערירען דיר. ווינטער.

3) די היסטאָרישע ענטוויקלונג פון טשענסטאכאָוו אין די לעצטע 60 יאהר און די איצטיגע לאגע—רעפערירט פון היגע פ־ציעס ה' מ. גאַפעלד.

4) דער מצב פון דער אינדוסטריע אין טשענסטאכאָוו וועט רעפערירען א דעלעגאט פון דעם היגען אינ־דוסטריע-פעראיין.

5) די מעטונקען פון דער סאסנאָ־ווער האנדעלס-קאמער און שטעדט־פראגען—רעפ. מגר. שיקארסקי.

6) די נויטיגקייט צו רעפארמירען די קאמונאלע שטייערן — רעפערירט פון א דעלעגאט פון היגען אינדוסטרי־פעראיין.

7) די רעפארמען פון דעם וואָרט־שאפטליכען געזעץ אין פוילען—קאָנ־סולענט בראון.

די קאנפערענץ וועט זיין עפענטליך. איינגאנג נור געגען אייל־דונגען.

יודישער פאלקס-אוניווערזיטעט ביי די „פועלי ציון" פאראיינגט מיט (צ. ס. פ.)

האנדווערקער-זאל אַלעע 40

פרייטאג 30 יאנואר 1931 8 אָוועגד קומט פאר

א לעקציע געפיהרט דורך פראָפ. סאַק

א. ד. ס. די וועלט-מלחמה אין דער ליטע־ראטור און פילם.

איינגאנג 20 גר.

דער „בית המקדש" אין מיניאטור.

דן פרעסע האט זיינער צייט מיטגע־טיילט וועגען דעם האט א געוועזער יודישער אומן-יד ה' חענוך הייגעטרויב האט פאר דער „ישיבת חכמי לובלין" אויסגעארבייט מיט דער האנד דאס גאנצע „בית המקדש" לויט ווי עס איז געבויט געווארען דורך הורדוס מלך ישראל מיט אלע איינצעלהייטען לויט דער תורה און תלמוד. וועלכעס איז אנערקענט געווארען אלס קונסט-ווערק.

איצט האט ה' הייגעטרויב געמאכט א פון דעם א שענסטער אבדרוק אין דער פארם פון א פיעל-פארביג בולד וועל־כעס שטעלט פאר דאס בית-המקדש מיט די מויערן ארום, וואס עס מאכט א פראכטפולען איינדרוק.

דער מחבר פון דעם געפינט זיך אין אונזער שטאדט ביי ה' פאנקאווסקי (אלעע 6) וואו מען בעקומט דאס בילד צו קויפען.

א שולע פאר טויב-שטומע.

א דאנק די בעמיהונגען פון די על־טערן וואס האבען טויב-שטומע קינ־דער, איבערהויפט צוליעב דעם וואס מיר האבען די זאך פיעל מאל בע־רוהרט אין אונזער צייטונג, ווערט דורך דער מאכט געעפענט אין אונזער שטאדט א שולע פאר טויב - שטומע קינדער.

עס איז איבעריג צו באטאנען די גרויסע וויכטיגקייט פון אזא שולע פאר די אומגליקליכע קינדער, און עס איז דער חוב פון זייערע עלטערן צו לא־זען די קינדער איינשרייבען אין דער טשענסטאכאווער שולע קראקאווסקא 15, דעם הייגטיגען טאג שפעטסטענס מאנ־טאג דעם 3 לוטי.

היינט! נור פאר דערוואקסענע, מענשען מיט שטארקע נערוון!

פרויען, מוטערס, פריילינס, מענער — דאס איז א פילם פאר אייך!

ŚWIATŁA i CIENIE MACIERZYŃSTWA

פילם. וועגען חתונה און מוטערליכקייט!

רעזשי: זשערסקא, לעוואנדאווסקי-רוזעט, באַרנסקי, דעלאנקא.

קינא CASINO.

פרייזען פון די בילעטען: קרעסלא 1 פלאץ 1 זל. 2 פלאץ 1.20 3 פלאץ 1.50 באלקאן 1.20

היינט שבת, דעם 31 יאנואר

גרויסער אומגעוויינליכער

נייער פראָגראַם!!!

אויפן עקראן העריליכע דראמע.

אויף דער סצענע: נייע ארטיסטען! נייע אטראקציעס!

איינצעלהייטען אין די אפישן.

MOJE SŁONECZKO

די לעצטע טעג! דער גרעסטער קלאנג-פילם!

Pehaj się pehaj!

טעאטער „אדעאָן" אלעע 27

קרעסלא ביז'ן אנהויב 1.20

קלאנג-קינא נאוואשצי אלעע 12

Destylat z rzadkich ziół i roślin —

— kompozycja z szlachetnych olejów kwiatowych, jakich zazwyczaj używa się tylko do wyrobu drogich mydeł toaletowych — oto perfumy słynnego z dobroci mydła „Kołłontay” znak ochronny „pralka”. Doświadczone gospodynie domu unikają nieprzyjemnych oparów, powstających przy praniu bielizny z tanich i podrzędnych gatunków mydła w ten sposób, że używają wyłącznie mydła „Kołłontay”. Silny aromatyczny zapach tego szlachetnego mydła przesiąka w chroniąco wypraną śnieżnobiałą bieliznę. Tysiąckroć dowiedzionem jest, że kto raz wypróbuje aromatyczne mydło „Kołłontay” ten staje się stałym jego odbiorcą, bo ono jest rzeczywiście lepsze i korzystniejsze.

Mydło **Kołłontay**



Zastępca: I. Lewkowicz, Częstochowa, ul. Narutowicza, 15.
Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.

אכטונג
שיד און גאלאנ־
טעריע־סוחרים!

צום קומענדען ווינטער־סעזאן בעזיצען מיר אויפ׳ם לאגער
א גרויסען אויסוואהל פון

קאמעיל־שיד (באמבאשעס)

אלע סארטען פון קלענסטען ביז׳ן גרעסטען נומער.
צום שול־יאהר צו בעקומען סקאק־גימנאסטיק־לאטשען.
קומט און איבערציינט אייך! בילינער ווי איבעראל.

קאאפעראטיוו „אבוביע“
נייער מארק 2, טעל. 860.

Nie wyrzucajcie Waszych pieniędzy!

Kupując mydła zamiejscowych fabryk płacicie wyższe ceny za kosztowne plakaty i koszty przewozu, podczas

gdy mydło z „Rybką” jest lepsze i przytem tańsze

Używajcie
Mydło -- tylko z Rybką.

Częstochowska Fabryka Mydła
DZIUBAS i FISZEL
SPÓŁKA AKCYJNA.

Kierownictwo Kursów Językowych
w Częstochowie, Piłsudskiego 13

zawiadamia, iż w pierwszych dniach lutego 1931 zostają wznowione wykłady języków: POLSKIEGO, ANGIELSKIEGO, FRANCUSKIEGO, NIEMIECKIEGO oraz innych języków w miarę zgłoszeń. Wykłady obejmą: konwersację, fonetykę, literaturę, gramatykę, historję języka, korespondencję handlową i t. p.

Czynne będą stopnie: elementarny, średni i wyższy.

Wykłady w godzinach wieczornych. Po ukończeniu—świadectwa.

Przy kursach organizują się także komplety dokształcające.

Ilość miejsc w każdej grupie ograniczona. Dawni(e) słuchacze(ki) winni(e) również wznowić zapisy. Informacje i zapisy w kancelarji Piłsudskiego 13, II brama, II piętro od 14—15 i 17—19 30

Kier. kursów LEON WAJNSZTOK, absolwent Uniw. Parysk.

Szkoła Rzemiosł dla Żydów
w Częstochowie
poleca warsztaty swoje
ślusarsko-mechan., stolarski i elektrotechniczny.
WYKONANIE SOLIDNE i WARUNKI DOGODNE

א שטהנט סאלעסציע
פיליפס ראדיא־
אפאראטען

מיר קענען יעדען אפאראט רעמאנסטרירען ביי אייך אין הויז אהן קויף־פערפליכטונג. שטרעבט איהר אבצונעמען צאהלרייכע אויסלענדישע סטאציעס אדער אבצונעמען איניגע פון די וויכטיגסטע אבזענדונג־סטאציעס? האט איהר שטראם אין אייער וואוינונג, קענט איהר אנווענדען אנ׳עלעקטרישען ראדיא אפאראט, אדער אנ׳אפאראט פערשטארקט פון באטעריעס.

מיר וועלען אייך העלפען אויסקלייבען א גוטען אפאראט.

אונזערע בעדינגונגען וועלען פאר אייך זיין צוגענגליך.

„RADJOPOL”
II-ga ALEJA № 31.

וויכטיג פאר פאבריקאנטען און סוחרים!
דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז די עקספעדיציע
„ספולקא טשענסטאכאווסקא“
סטראזשאצקא 8, טעלעפ. 8-84

וועט אנהויבענדיג פון 15 יאנואר ד. י. עקספעדירען סחורות מיט׳ן אויטא פון טשענסטאכאוו קיין קראקא, לעמבערג און צוריק.

די אדרעס אין קראקא איז:
Komito i Kalisz, Miodowa 16, tel. 107-67
אין לעמבערג
Komito i Kalisz, Furmańska 14, tel. 3854
אין ווארשא
M. Buchalter, Nalewki 32, tel. 178-80
אין לאדז
„Spółka Częstochowska“ Piotrkowska 31
telefon 220-05

Częstochowska Spółka, M. Kohn
Częstochows, Strażacka 8

זאלען אלע וויסען!

אז כדי צוריקצוציהען מיינע קונדען, צוליב׳ן ארויסטריט פון קאמפ. „טאפיצער“
איז מיין לאנג־יעהריגע טאפעציר־ווערקשטעל
ווייטער טעטיג און איך האב בעשלאסען ביז׳ן 30 אפריל ד. י. ארויסצוגעבען מיינע אויסארבייטונגען אויף פאלגענדע פרייזען:

מאטראצען פרימא אין דריליך 90 זל. 8 פאר, מיט אדאמאשעק 110 זל. קאזעטקעס און נאבעלין 55 זל., מיט בעסערע נאבעלין 65 זל., פלושענע 75 זל., טאפטשאנען 150 זל., אטאמאנען געדעקט מיט דיוואן פון 180 זל. און א גרויסער אויסוואהל פון רעמבעגע שטוהלען צו ביליגע פרייזען. פאר טישלער ספעציעלער ראבאט.

איך נעם אן נארדינען צו פערלייגען און צו שפאנען און אלערליי רעקאראציעס.

א. אורבאך, אלעע 7. געדענקט די אדרעס

STARSZY FELCZER **W. DOBRYSZYCKI**
Nowy Rynek 5, tel. 903

גרויסער **אינווענטאר־אויספערקויף**
סון אלע **שיך:** מענער, דאמען און קינדער, שטעקלאטשען, שניעגאוויצעס, פרונעלקעס
אלע ווארט פערקויפט צו נידריגע פרייזען.
נוצט אויס די געלעגענהייט און פערגעסט נישט די אדרעס
„ווענוס“, 2 אלעע 29

וויכטיג פאר עלטערן פון טויב־שטומע קינדער!

די עלטערן, וואס האבען טויב־שטומע קינדער דארפען זיך אין זייער אייגענעם אינטערעס צו מעלדען הינט, פרייטאג דעם 30 יאנואר און דינסטאג דעם 3 פעברואר א גאנצען טאג אין סעקרעטאריאט פון דער פאלקסשולע נומער 13 (קראקאווער 15) וואו זייערע קינדער וועלען פערשריבען ווערען אין דער שולע פאר טויב־שטומע קינדער, וואס די מאלע ווערט אפען. די לעהרער וועלען בעצאהלט פון יעדען מאגיסטראט.

צי ווייסט שוין אלע
אז אין דער פירמע
OPTYK MEDICAL

קען מען קויפען אמביליגסטען סלאנער בריקען מיט די וועלט־בעריהמטע צייס גלעזער אין יענא. אפאראטען און פאטאגראפישע מכשירים.

די אויספיהרונג איז גענוי לויט די פארשריפטען פון די ה״ה אקוליסטען.

אויך רעקלאמע בריללען אין שווארצע ראהמען אמעריקאנישע 5 זל. און ניקלענע 2.50 זל.

OPTYK MEDICAL
Z. Erner
געוו. אפטיקער אין די גרעסטע פירמעס לאנדאן און פאריז
Częstochowa, ALEJA 31.

שוין צו פטרדינגען
א גרויסע שטוב אין פארטער
אויף א סקלאד אדער אויף א ווערקשטעל א. ז. וו.
נאכפרעגן אין רעדאקציע אלעע 6.

בית־המדרש
וואונדערבאר בילד פון בנין הורדס מלך ישראל.
נאכפרעגען ביי: פאנקאווסקי, אלעע 6.

מעבעל
שלאף צימער, עס־צימער, גאבינעטען ווי אויך אנדערע איינצעלנע מעבעל, ווערען אויסגעארבייט אין דער ערשטקלאסיגער טישלער־ווערקשטאט פון ה. גאלדבערג, קאשטשושקי 17.
צינגענגליכע פרייזען.

דאס שענסטע און בעסטע גאראנטירטע
מעבעל
ווי אויך שלאף צימער, עס־צימערן און גאפינעטען
קען מען בעשטעלען און קויפען צו מאנופאקטור־פרייזען אין דער ערשט־קלאסיגער טישלער־ווערקשטאט פון
יוסף איזראעלאוויטש
2 אלעע 28

עגזיסטירט פון יאהר **1907.**
דאס שענסטע און בעסטע גאראנטירטע
מעבעל
ווי שלאף־צימערן און עס־צימערן אויך איינצעלנע מעבעל ווערען אויסגעארבייט אין מיין ערשטקלאסיגען טישלער־ווערקשטאט צו זעהר מעסיגע פרייזען אויף בעקוועמע בעדינגונגען.
ה. לאנצמאן
אגראדאווא 29

עס ווערט געזוכט
1 אדער 2 צימערן
מיט א קיך מיט א בעזונדערן איינגאנג
אלס סובלאקאטאר
אפערטען אין רעד. פאר „סובלאקאטאר“.

Redaktor Izrael PŁOCKIER Wydawca B. BOCIAN Druk B. BOCIAN aleja 6